SEFER MAGID MISHNAH

Hayim Yehi'el Oshri



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

שובו לבצרון אסירי התקוה, גם היום מגיד משנה אשיב לך:
(זכריה, ט׳.)

ספר

מגיד משנה

דרושים לכל חפציהם אשר דרשתי במקהלות
מדי שבת בשבתו, ראש חודש, ימים נוראים ומועדים

— מאתי —

הצעיר באלפי ישראל, זעירא דמן חבריא

חיים יחיאל אשרי

(מחבר מנחת עני, שומר אמונים, באר לחי, מים חיים)
בן לאדוני אבי הרבני המופלג, מהור״ר יצחק מרדכי ז״ל

חלק שני

שנת ובעת קבצי אתכם לפ״ק.



דרוש בר מצוה, תרע״ט

וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט, ובחסד וברחמים, וארשתיך לי באמונה וידעת את ה׳ (הושע, ב׳)

דאָס זיינען דריי פסוקים וואָס יעדער איד אין דער פריה בעפאָר ער לייגט תפילין, זאָגט ער די פסוקים. דער מיינונג פון דעם וועל איך ערקלעהרען, ווען מיר וועלען פריהער בעטראכטען צוויי ערטער אין תלמוד אין די דינים.

א) דיא משנה (קדושין, פ״א) לערענט, די פרוי ווערט געקויפט צום מאן דורך דריי וועגען, בכסף, שטר וביאה, און זי קען זיך בעפרייען דורך צוויי וועגען, בגט ובמיתת הבעל, דורך שיידען, אָדער ווען דער מאן שטאַרבט. דאן ווערט דיא פרוי פריי. א צווייטען דין. (קדושין, ה׳ ע״ב) ווען א מאן זאָגט צו א פרוי דיא ווערטער — הרי את מקודשת ולא אמר „לי״ האָט דיא קדושין קיין קראפט, און דיא פרוי איז פריי צו חתונה האָבען מיט א צווייטען, אזוי איז דיא מיינונג פון פוסקים מפורסמים, הרא״ש והטו״ר והתוספות שם בד״ה. הכא, — דער וואָרט „לי״ דריקט אוים דאָס דער מאן איז איהר מקדש פיר „זיך״ און דאמיט איז זי געבונדען פיר דיא גאנצע וועלט. אָהן דעם וואָרט „לי״ איז די פרוי ניט געבינדען צום ״חתן״.

ב

מיר וועלען דאָ איבערגעבען א „בילד״ פון אמעריקאנער „חופה״, און דיא דראמע וואָס עס ווערט געשפיעלט אונטער דער „חופה״. דער העלד אין טשאַרלע, ווער איז דער העלד טשאַרלע ? ער איז אלט 25 יאָהר, וועגט 175 פונט, שטארק געבויט און מיט געזונדע מוסקעלען, א שטימע פון אַ באַרעטענאָר, פּראָפעסאר פון דענסינג סקוהל, זיינער אן אָרדער ווערט פינקטליך דורכגעפיהרט. זיין שטימע מאַכט ציטערען דעם גרויסען האַלל. אָבער טשאַרלע האָט א נשמה און א גוף... און בעשלאָסען חתונה צו האָבען, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען זיינע צרות. די עלטערען פון דער כלה זיינען

פרומע אידען און האָבען בעשלאָסען דיא חתונה צו מאכען אין א שוהל, מיט א רב, חזן, שמש, כדין וכדת ישראל. אָבער דאָ איז ארויף אויף טשארלי'ן א שווארצער וואָלקען אויף זיין שענעם שטער־רען, ווייל מען דארף עפּעס זאָגען א פּאָר ווערטער אין "לשון קודש" דעם „הרי את מקודשת לי", און ווי בעוואוסט איז טשארלי פון דיא לומדים „המכה בעברתו"... אלזא, ער האָט שטארק פּראָטעסטירט געגען פיהרען איהם אין שוהל. אָבער דיא כלה'ס עלטערען האָבען פעסט בעשלאָסען דאָס דיא חופּה זאָל זיין אין שוהל, און טשארלע האָט געמוזט נאכגעבען דעם פּונקט... און דאָ פאנגט זיך אָן דיא „טראגעדיע" פון טשארלען. דער העלד, דער שטארקער, דער ריעז, מיט זיין שטימע. איז בלייך ווי א טוך... קוים וואָס עס געהט אויף זיינע פיס... א דאנק די מחותנים וועלכע האָבען איהם געפיהרט. זאָנסט האָט געהאלטען דאָס ער זאָל צוזאמען ברעכען... נערוועז, צושראָקען, צוטומעלט איז געשטאנען טשארלע אונטער דער „חופּה", און דאָ איז צו דער רב, דער מסדר קדושין און האָט מיט איהם אָב־געמאכט, אַז דער רב וועט זאָגען אין „פּאראויס" די ווערטער, און טשארלע זאָל נאָכזאָגען וואָרט אין וואָרט. און דער רב זאָגט „הרי את" און טשארלע זאָגט נאָך מיט א שוואכע שטימע „הרי את" און דער רב זאָגט ווייטער „מקודשת" און טשארלע זאָגט נאָך „מקודשת". ווען עס איז געקומען צום וואָרט "לי", האָט דער רב זיך אָבגעשטעלט ווייל דער רב קען ניט זאָגען „לי". דען דאן בלייבט דיא כלה א רביצין... אָבער טשארלע ווייסט ניט פון דריידלעך און זאָגט נאָך — „רבי, זאָג לי"... דער רב איז געבליבען שטעהן און ווייסט ניט וויא צו האנדלען ווייטער... ענדליך האָט ער געגעבען א וואונק צום חזן.. ער זאָל זאָגען דעם וואָרט „לי".. און דער חזן האָט געזאָגט מיט גרויס כונה „לי"... און טשארלע ? ? ! דער חתן איז אין גאנצען ארויס פון דיא דראמא. דער קאמפף איז געוועזען צווישען רב און חזן... און טשארלע האָט געהאלטען דיא קאָפּף אראָבגעלאָזען. די ציינער פערשלאָסען, דער פּנים בלייך און נערוועז... און ווען דיא „כלה" איז ארויס פון דער „חופּה" און מען האָט איהר געגעבען מז"ט... האָט זי ניט געוואוסט צי זי איז א רביצין... אָדער א חזנטע ?.. ווייל צו טשארלען בעלאנגט זיא זיכער

ניט... ער האָט ניט געזאָגט „לי“... *) ער האָט געהאַלטען די ציינער פאַרשלאָסען און ניט גערעדט א וואָרט... און ווען דער „מסדר קדושין“ ווייסט ניט קיין דין און זאָגט פריהער „הרי את מקודשת לי“ דאַן איז די קדושין אין קראפט ביי דעם ערשטען, און טשאַרלע לעבט אַ גאַנצען לעבען מיט אַן אשת איש פון „מסדר קדושין“ **) און ווען דער „מסדר קדושין“ מיט׳ן „חתן“ זאָגען ביידע צוזאמען „הרי את מקודשת לי“... דאַן איז גאָר קיין קדושין ניטאָ... ווייל א פרוי קען ניט ווערן ***) מקודש פון צוויי מענער אויף אמאָל און טשאַרלע לעבט מיט זיין פרוי אָהן קדושין דעם גאַנצען לעבען...

והמשכיל יבין.

ג

דער „מדרש רבה“ (פ׳ תרומה) ווערט געבראַכט — כל מקום שנאמר לי לעולם ועד קדיש לי כל בכור, מזבח אבנים תעשה לי. והיתם לי סגולה מכל העמים. ועשו לי מקדש. ואבדיל אתכם מן העמים להיות „לי“. ווען א מענש איז מקדש א פרוי איז דאָ צוויי וועגען וויא זי קען בעפרייט ווערען דורך גט ובמיתת הבעל. אָבער

---

*) אמר הרי את מקודשת ולא אמר „לי“ אינה מקודשת, (וכן עיקר) (אבן העזר, בסימן כ״ז ס׳ ל״א).

„אפילו בחסרון „לי“ אינה מקודשת“ (חלקת מחוקק, בסי׳ י״א).

**) בספר קיצור של״ה, להרב הגאון ר׳ יחיאל מיכל אשכנזי, כתב בעניני זווג, וז״ל — יש קצת מסדרי קדושין שאינן בעלי תורה רק האב״ד שבמדינה יעמיד אחר במקומו לסדר קדושין שיזהר שיאמר להחתן קודם החופה שיאמר החתן מעצמו „לי“. ולא המסדר יאמר מקודם „לי“ והחתן אחריו, שיש לחוש לספק קדושין כאלו המסדר קידשו לו וצריכה ממנו גט. וגם אם החתן עם הארץ כאשר שכיחים באשכנז שיבין המסדר קדושין להחתן קודם החופה כדי שידע שע״י טבעת זו היא מקודשת לו בפרט. כשיאמר „לי“ שיהא יודע הפירוש בל״א „לי“ (צו מיר) עכ״ל הגאון ז״ל.

***) (קדושין, ז׳) איתתא לבי תרי לא חזיא. להנשא להם אי אפשר. הילכך האי לא קדיש אלא פלגא וחצייה נשאר לאחר א״כ אינה מקודשת לזה. (רש״י, שם) (ועיין באבן העזר, סימן ל״א סעיף ח׳)

השי"ת האט מקדש געוועזען דיא כנסת ישראל, דיא כלה, „אתי מלבנון כלה", משה רבינו איז געוועזען מסדר קדושין, אונטער דעם „הר סיני" דיא „חופה". און השי"ת האט געזאגט דעם ווארט „לי" כי „לי" בני ישראל עבדים, ואבדיל אתכם מן העמים להיות „לי" והייתם „לי" סגולה מכל העמים. איז דיא קדושין אין קראפט פיר אייביג. איך האב געזאגט „לי" וארשתיך „לי" לעולם, און קיין „גט" האב איך ניט געגעבען, ווי דער נביא זאגט, (ישעיה, נ') כה אמר ה' איזה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה, און קיין „מיתת הבעל" איז ניטא. וויא דער נביא זאגט, אני ה' לא שנתי,ואתם בני יעקב „לא" כליתם... אפילו דיא „31" שווארצע, וועלכע זיינען ארוים מיט א פראטעסט, דאס מיר זיינען ניט מעהר קיין פאלק, ווי הענרי מארגענטהוי און קאנגרעסמען קאהן און אנדערע... צוזאמען —31— געסיינט, אז אידען זיינען ניט קיין פאלק און דארפען ניט ארץ ישראל, אפילו דיא —31— וועלען אויך ניט העלפען פער־ניכטען דעם אידישען פאלק. ואתם בני יעקב „לא" כליתם. ווייל איך בין אייביג, דארום איז כנסת ישראל אן אייביגעס פאלק, ווייל דיא קדושין איז אין קראפט אויף אייביג, קיין „גט" און קיין „מיתת הבעל", וארשתיך „לי" לעולם.

והמשכיל יבין

ד

וארשתיך לי בצדק ובמשפט, ובחסד וברחמים. דאס זיינען שעהנע „כלה מתנות" סימנים פון א אידען „חסד" און „רחמים". (יבמות, מ"ט) און דריטענס, האב איך דיר מקדש געוועזען, ניט מיט דיימאנדס, גאלד, זילבער. וארשתיך לי באמונה וידעת את ד'. דער טבעת קדושין איז געוועזען „אמונה" רעליגיאן, אדער „אמונה" הייסט „טרייהייט" איבערגעבענהייט צו אלעס וואס איז הייליג ביים אידישען פאלק. טרייהייט צו אונזער הייליגע לאנד. טרייהייט און איבערגעבענהייט צו אונזערע ברידער אין אלע גלות לענדער, ביז השי"ת וועט אונז ברייגנען צוריק אין ארץ ישראל.

און היינט, ווען איך ווער „בר מצוה" —13— יאהר און טרעט אריין אלס מיטגליעד אין מיין פאלק, שווער איך צו האלטען הייליג אלס וואס איז הייליג און טייער ביי מיינע עלטערען און ביי דעם אידישען פאלק, און קעמפפען פיר אונזער תורה הקדושה, פאר'ן

פאָלק און פאר אונזער הייליגע לאַנד, ארץ ישראל ביז עס וועט ווערען ליכטיג אויף דער וועלט און אונזער פאָלק וועט זיך אומ־קעהרען אין זיין לאַנד, במהרה בימינו, אמן.

חיים יחיאל אשרי.

דרוש בכבוד מחזיקי לומדי תורה, תרע״ט

עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מעושר. (משלי, ג׳)

א

איינע פון דיא וויכטיגסטע פראגען אין דיעזען לאַנד איז דיא אונטערשטיצונג פון תלמידי חכמים, לומדי תורה. אין רוסלאַנד איז כמעט אין יעדער שטאָדט געוועזען חברות, וועלכע האָבען אונטער־שטיצט ארעמע לומדי תורה. פיעלע פרומע גבירים האָבען אליין אויסגעהאַלטען בתי מדרשים און „עשרה בטלנים", וועלכע זיינען געזעסען על התורה ועל העבודה. אין אמעריקא איז דער „מנהג" פערשוואונדען אין גאַנצען און איבערהויפּט אין דיא קאָונטרי שטעדט. אנשטאט דעם פארנעהמט דער פּלאַץ די שוהל.. וואו מען געהט און שטעהט, מען רייסט פון טויטע און לעבעדיגע פון זאָגען קדיש... יאָהר־צייט.. הזכרת נשמות געלד, מען איז פערקאָכט אין דער שוהל און אין מיטינגס... מען האַלט אין בויען שוהלען פון 100 ביז 200 טויזענד דאָלאר, מיט טהייערע שטיינער און בעפּוצט מיט אלערהאַנד טעכנישע קונסט ארבייט, מען ספּענדעט געלד אויף שוהלען, אין דער צייט וואָס זיי פוסטווערען א גאַנץ יאָהר, מיט דער אויסנאַמע פון דריי טעג אין יאָהר, ר״ה ויה״כ. אָבער ווען עס קומט דיא פראגע פון שטיצען א תלמיד חכם, א רב, א מגיד, א „רבין" צו לערנען, ווערט א גוואלד! מען רייסט פון די ארעמע שוהל...

ב

דער „ירושלמי" (פ״ה, שקלים) ערקלעהרט, אז דיא מצוה צו געבען ארעמע תלמידי חכמים, לומדי תורה, איז פיעל העכער וויא בויען און ספּענדען טויזענדער פיר שוהלען, וויא אויך א תלמוד תורה פיר ארעמע קינדער איז פיעל הייליגער וויא א שוהל .דעם

דין, ברייננגען להלכה אייניגע גרויסע פוסקים. ר' יהודה החסיד. אין ספר חסידים *) און דער תשב"ץ **) און אין שו"ע י"ד בסי' רמ"ט. ס"ק ט"ז ע"ש ***) דאס דארפען וויסען קלאהר דיא אונוויסענדע מאסען און דיא „פיהרער" פון דיא שוהלען. דאס דער וויכטיגסטער עקסיסטענץ פיר א שוהל איז צו אונטערשטיצען לומדי תורה, רבנים, מגידים, וועלכע טרייען מאכען א לעבען פיר זייערע פאמי־ליען. קיין נייע לומדים קומען היינט ניט פון רוסלאנד, פוילען, און דיא אלטע שטארבען אויס, און דיא אייניגע וועלכע לעבען אין דיא מיטעלע יאהרען און קעמפפען פיר זייער עקסיסטענץ, איז דיא פפליכט פון דיא בעלי בתים צו שטיצען אין דער צייט ווען זיי אליין האבען קיין צייט צו לערנען. והמשכיל יבין.

שלשה ספרים נפתחים

א

החסיד רבינו יונה ז"ל. *)

איך האב געפונען אין זיין ספר „אגרת התשובה" שרייבט ער ווי פאלגט. עס איז דיא פפליכט פון יעדען מענשען צו לערנען תורה

*) הרי מי שיש לו ממון לא יאמר אעשה בית הכנסת או בית המדרש, אלא יתן ליראה ה' הלומדים לקיים המצות, — וכתב המפרש — ומזה יקיש אנוש דמה שנחשב בעיני ההמון וקצת יודעים למצוה גדולה חטאת היא :" (ספר חסידים תתרל"ט).

**) מכאן הוביא הרב ר' שמואל ראיה „שיותר טוב ליתן צדקה ללמוד נערים, מליתן צדקה לבית הכנסת". (תשב"ץ, תקל"ג).

***) וכן פסק המחבר בי"ד בס' רמ"ט. „ומצות צדקה לנערים ללמוד תורה. או לחולים עניים עדיף ממצות בית הכנסת". ועיין בס' רנ"ט סק"ב ע"ש.

*) והרוצה להנצל מן העונש המר והעון הגדול הזה. יתעסק בצרכי התלמידים והרבנים הלומדים לשם שמים. ויעזור בשכירות הרבנים, כדי שיעמדו בעירו ויהיו עוסקים בתורה על ידו. ופירשו חז"ל בספרי כי זה הוא מה שאמר הכתוב עץ חיים היא למחזיקים בה. (משלי, ג') ללומדיה לא נאמר, אלא למחזיקים בה. שהם מחזיקים ידי התלמידים והרבנים". עכ"ל. (בספר „לקט צבי" רעדעלהיים, 1856. ז. 74).

אלע טאָג. און דיא הייליגע חז״ל זאָגען „ותלמוד תורה כנגד כולם״ און אזוי וויא דער שכר פון תלמוד תורה איז גרויס, אזוי איז דער פערברעכען פון ניט לערנען תורה. זעהר גרויס. און מיר געפינען דאָס השי״ת האָט געוואָרט אין בית ראשון ווען די אידען האָבען געהאָט דיא דריי גרויסע עבירות ג״ע ע״ז וש״ד, אָבער ער האָט ניט געוואָרט אויף דעם פערברעכען פון ניט לערנען תורה. ויאמר ה׳ על עזבם את תורתי, (ירמיה, ט׳, י״א) און ער זאָגט ווייטער — דאָס דער מענש וועלכער וויל זיך רעטען פון דעם גרויסען פערברעכען פון ניט לערנען תורה, זאָל זיך אָבגעבען צו בעזאָרגען תלמידי חכמים, רבנים וואָס לערנען תורה לשמה. דאדורך זיי זאָלען קענען זיצען אין שטאָדט און לערנען תורה דורך זיין הילפע און דאָס הייסט דיא גרויסע מצוה פון „מחזיקי לומדי תורה״ און אויף דעם זאָגט דער פסוק, עץ חיים היא למחזיקים בה. ללומדיה לא נאמר, אלא למחזיקים בה. ד. ה. א בוים פון לעבען פיר דיא וועלכע אונטער־שטיצען לומדי תורה.

ב.

רבינו הריטב״א ז״ל. *)

דער צווייטער גאון הדור אין יענער צייט הריטב״א ז״ל שרייבט „אויף דיא יעניגע מענשען וואָס זיי גיבען אוועק זייער הארץ צו בעטראכטען דעם שיקזאָל פון תלמידי חכמים און בעזאָרגען זיי מיט פרנסה זיי זאָלען האָבען פון וואנעט צו לעבען און שיקען זיי שטי־צע שטילערהייט פרעזעטנם (מתנות) אויף זיי זאָגט דער פסוק „אשרי משכיל אל דל״ עס שטעהט ניט אשרי נותן אל דל״ נור אשרי „משכיל״ אל דל. מען דאַרף זיך קליגען וויא צו געבען א תלמיד חכם שטיצע, ניט וואַרטען ביז ער קומט פערלאַנגען, בעטען

*) הריטב״א ז״ל הובא במדרש שמואל על אבות פ״ד. וז״ל — „ועל אותם שנותנים לבם על „לומדי התורה״ במה הם נזונים ושולחים להם מתנות בסתר עליהם הכתוב אומר אשרי משכיל אל דל. לא אמר אשרי נותן לדל. אלא אשרי ׳משכיל״ אל דל. שאינם ממתינים אל הדל שישאל מהם. ואחר כן נותנים, אלא הם בעצמם נותנים אל לבם ונותנים להם מתנות״. עכ״ל הריטב״א ז״ל.

פרנסה, און נאכדעם געבען, נור מען דארף זיך אליין בעטראכטען און געבען פרעזענטען שטילערהייט. (מתנות)."

ג

רבינו הגר"א ז"ל *)

דער דריטער גאון הגאונים, מלאך ה' הגר"א מווילנא ז"ל שרייבט אין זיין פירוש אויף דיא רבה בר בר חנא'ס אין ב"ב. בד"ה, לדידי חזי לי ההוא אקרוקתא ע"ש. וסליק ויסיב באילניה. דאס השי"ת האט געשיקט א מענשען, וועלכער האט אונטערשטיצט ער זאל קענען לערנען תורה. און ערקלעהרט ווייטער. „ויורהו ה' עץ" דאס איז איינער וועלכער שטיצט דיא תורה. וויא דער פסוק זאגט — עץ חיים היא למחזיקים בה. און דער וועלכער שטיצט ניט קיינע תלמידי חכמים, וועלען קומען אנדערע און נעהמען שווערע שטייערען און טעקסעס פון דיא רעגיערונג... און זאגען דיא חז"ל אין אבות. „כל הפורק ממנו עול תורה", דער וואס וויל זיך בעפרייען פון דעם יאך צו שטיצען תלמידי חכמים, וועט האבען צו צאהלען שווערע שטייערען און אנדערע צאהלונגען. און זאגען דיא חז"ל דאס דיא גבירים פון בבל, וועלען אריין אין גיהנם, ווייל זיי האבען ניט געשטיצט קיינע תלמידי חכמים. אויף דעם זאגט רב פפא בר שמואל, ווען איך וואלט ניט געוועזען דארטען, דאס מיינט אין ארץ ישראל, וואלט איך אזא זאך ניט געגלויבט, ווייל דאס איז געוועזען ביי איהם

---

*) פירוש הגר"א ז"ל על רבה בר בר חנא. בד"ה. וסליק ויתיב באילניה. פירוש מה עושה לו הקב"ה יזמן לו אדם להכזיקו כיששכר וזבולון. וכו' — ויורהו ה' עץ, שהא אחד ממחזיקי תורה, כמו שאמרו עץ חיים היא למחזיקים בה. ללומדיה לא נאמר, אלא למחזיקים בה. וזהו כוונת אמרו סליק ויתיב באילנה. וכן אמרו חז"ל כל הפורק ממנו עול תורה, פירוש להחזיק תלמידי חכמים, נותנים עליו עול מלכות ועול דרך ארץ. שהוא מסים וארנוניות. וכן אמרו חז"ל „עשירי בבל ירדי גיהנם הן" לפי שאין מחזיקין ידי תלמידי חכמים. אמר רב פפא בר שמאל. אי לאו דהואי התם לא הימנא. פירוש התם, בארץ ישראל. כמה שאמר מהתם להכא. ולא מהימנא. לפי שבבבל לא ראה כלל מחזיקי תורה. עכ"ל הגר"א ז"ל. וראויין הדברים למי שאמרן.

א גרויסע נייעס אז עס זאָלען זיך געפינען מענשען וואָס זאָלען אונטערשטיצען תלמידי חכמים, ווייל אין בבל איז אבסאָלוט ניט געוועזן צו זעהן אז מען זאָל שטיצען לומדי תורה, תלמידי חכמים. אָבער אין ארץ ישראל האָט ער געזעהן דאָס מענשען שטי־צען תלמידי חכמים, איז דאָס געוועזן א נייעס ביי איהם.
והמשכיל יבין.

נאָכדעם וויא מיר האָבען ערקלערט דיא וויכטיגקייט און דיא הייליגקייט פון שטיצען לומדי תורה, רבנים, וויא איך האָב גע־בראכט פון ירושלמי, פוסקים מפורסמים, ראשונים ואחרונים. ובפרט דיא מיינונגען פון רבונו יונה ז"ל, הריטב"א, והגר"א ז"ל. דיא גריוסע פפליכט צו שטיצען תלמידי חכמים, איז ווערטה צו פערצייכענען אין דער היסטאָריע פון באַלטימאָרער יודענטהום, דיא שעהנע ארבייט פון דיא „חברה מחזיקי לומדי תורה". די בעלי בתים, וועלכע האָבען בעטראכט דיא קריטישע לאַגע פון דיא רבנים און תלמידי חכמים, וועלכעם מיט א קליינע אויסנאַהמע מאַכען א שווערען לעבען מיט פיעל בזיונות צו קלייבען... און האָבען געגרינ־דעט מיט איינינגע יאָהר פריהער דיא „חברה מחזיקי לומדי תורה", וועלכעס דאַרף אונטערשטיצט ווערען פון בעלי בתים גבירים, וואָס פערשטעהען דיא וויכטיגקייט דערפון, ווייל דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיינע תלמידי חכמים איז א גרויסע סכנה פארן' יודענטהום, וויא דאָס האָט פאַסירט אין בבל, איז דאָס אידישע פאָלק כמעט אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען, און א צווייטע סכנה ליגט פון אונ־זערע „פיהרערם" וואו עס הערשען גראָבע יונגען און „עמי הארצים", וועלכע טרעטען מיט דיא פיס אלעם וואָס איז הייליג און טייער ביי דעם אידישען פאָלק. און דורך דיא תורה הק' וועלען מיר דערלעבען א גאולה שלימה. וויא דער נביא זאָגט : „זכרו תורת משה", דאן וועט זיין הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא. במהרה בימינו, אמן.

משנה ברורה, הלכה ברורה.

א) עס איז מעהר פפליכט און גרעסער דיא מצוה צו געבען אָרעמע לומדי תורה, וויא צו ספענדען טויזענדער פיר שוהלען, א

הייתם עם ה׳ ואף כי אחרי מותי״ ווען איך לעב היינט מיט אייך תלמוד תורה, פיר ארעמע קינדער איז וויכטיגער וויא א שוהל.
(ירושלמי, שקלים, פ״ה).

ב) ווען איינער האט געלד, זאל ער ניט זאגען, איך וועל בויען א שוהל, א בית המדרש. ער זאל בעסער געבען צו לומדי תורה וואס זיינען שטענדיג מקיים מצות און לערנען תורה לשמה.
(ספר חסידים, תתר״ט).

ג) עס איז בעסער צו געבען צדקה יונגע לייט צו לערנען תורה, איידער צו געבען צדקה פיר א שוהל. (תשב״ץ, תקל״ג).

ד) דיא מצוה פון צדקה פיר יונגע לייט צו לערנען תורה, אדער פיר ארעמע קראנקע, איז מעהר פליכט וויא די מצוה פון א שוהל.
(מחבר, בי״ד בס׳ רמ״ט).

ה) יעדער מענש איז דיא פפליכט צו לערנען תורה אלע טאג. און דיא בעלי בתים, וועלכע האבען קיין צייט אליין צו לערנען זאלען זיי טרייען בעזארגען דיא רבנים און תלמידי חכמים פון שטאדט מיט פרנסה, דאמיט זיי זאלען קענען לערנען.
(שערי תשובה, לרבינו יונה).

ו) ווען דיא בעלי בתים גיבען שטיצע א תלמיד חכם, זאלען זיי ניט ווארטען ביז דער תלמיד חכם קומט בעטען פערלאנגען. אדער גיבען דאן ווען מען מאכט א געוואלד, אז דער „רב״ שטארבט פאר הונגער... נור אליין פריהער בעטראכטען און שיקען שטילערהייט א מתנה. (הריטב״א ז״ל, אבות, פ״ד).

ז) דיא בעלי בתים, גבירים, וועלכע שטיצען ניט קיין תלמיד חכם, גיט מען אויף זיי דעם יאך פון שווערע שטייערען און טעקסעס. און דיא חז״ל זאגען, אז דיא גבירים פון בבל וועלען זיין אין גיהנם, ווייל זיי האבען ניט געשטיצט קיינע תלמידי חכמים.
(פירוש הגר״א על רבב״ח)

ח) עס איז א מאראלישער פערברעכען פון שוהלען און בעלי בתים, וועלכע ספענדען פיעל געלד, פיר פיעל עלעקטרי, און אויף שבועות פוצען זיי אויס דיא שוהלען מיט בלומען, א סאך מענטעלעך, פרוכת׳ן, גאלד און זילבער פיר די ספר תורה׳ס, און ווען עס קומט א רב א מגיד, א תלמיד חכם צו שטיצען, שרייען זיי, אז די

שוהל איז אן ארעמע שוהל, ספענט ניט אזוי פיעל געלד פיר דעם, און וויכטיגער איז צו שטיצען לומדי תורה.

(הגאון ר' יהונתן, בספר יערות דבש, ח"א).

ט) דיא הויז פון א רב, וועלכער לערענט דעם פאלק תורה, הייסט א „מקדש מעט". (מגילה, כ"ט).

י) השי"ת האט ליעב דיא „שערים המצויינים בהלכה". מעהר וויא אלע שוהלען און בתי מדרשים. (ברכות, ח'). דאס הייסט, אז אין דעם פלאטץ וואו דער תלמיד חכם בעשטימט צו לערנען תורה און ברייננגט ארוס פון זיין לערנען „הלכה פסוקה" איז פיעל וויכ־טיגער, הייליגער ליבער ביי השי"ת מעהר ווי אלע שוהלען און בתי מדרשים. (מהרש"א, בח"א ברכות ח') מערקווירדיג, אין אמעריקא קענט איהר גיכער בעקומען 50 טויזענד דאלאר פאר אן אנשטאלט, 10 טויזענד דאלאר פאר א שוהל, איידער צו בעקומען 100 דאלאר צו קויפען א הויז פיר א תלמיד חכם, וואו ער זאל קענען זיצען און לערנען און פארשפרייטען תורה ברבים.

דרוש לסיום התורה, פ' וילך, תרע"ט

(דברים ל"א ט"ו).

ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם־אבותיך, וקם העם הזה וזנה אחרי אלהי נכר־הארץ אשר הוא בא שמה בקרבו ועזבני והפיר את בריתי אשר כרתי אתו: ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על־כל הרעה אשר עשה, כי פנה אל — אלהים אחרים: ועתה כתבו לכם את השירה הזאת, ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם, למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל:

א

ווען מיר גיבען אן איבערבליק איבער דיא פסוקים אין דעם צוזאמענהנג דיא דריי פסוקים איינער נאך דעם צווייטען, קענען מיר לערנען און פערשטעהן דעם ווייטען בליק וואס דיא תורה הק' לערענט אונז פיר דעם היינטיגען דור. ווען משה רבינו האט בע־קומען דיא „גזרה" מן השמים צו שטארבען, האט ער געדיינקט דאס זיין ארבייט וועט זיין פערלארען. וויא קען עקסיסטירען א פאלק ישראל אהן משה רבינו ? ? ! „הן בעודני חי עמכם היום, ממרים

זייט איהר ווידערשפעניג מיט גאָט... יא ! אלע פערברעכענס טהוט איהר אין נאָמען פון גאָט... קוילענער שוחטים, און בוטשארעס.. חזנים און מלמדים... אלעס ווערט געטאָהן אין נאָמען פון תורה ואמונה אין דער צייט ווען איך לעב היינט קענט איהר דאָך מיר פרעגען דעם דין... היינט וויא וועט שוין אויסקומען דאָס אידישער פאָלק אין ווייטער צוקונפט. שפעטער נאָך מיין טויט ? ? !

אויף דעם האָט איהם הקב"ה געטרייסט און איהם ערקלעהרט דאָס דיא נשמה פון א אידען איז גאַנץ אנדערש וויא ביי אנדערע פעלקער און ראסען רעליגיאָנען, וועלכעס פייערען דעם געבורט פון דעם גאָט־געבער. וויא קריסטענטהום און מחמדנים און אנדערע סעקטעס... ביי אונז פייערען מיר ניט דעם געבורט פון אונזער „משה רבינו". און פילע אידען וויסען גאָר ניט דעם טאָג ווען אונזער „משה איז געבאָרען געוואָרען... ווייל דאָמיט האָט הקב"ה געוואָלט ווייזען, אז דאָס אידישע פאָלק קען לעבען און עקסיסטירען אָהן א „משה רבינו". זאָגט הקב"ה צו משה'ן. דיא צוקונפט פון דעם אידישען פאָלק: ה נ ך ש ו כ ב ע ם א ב ו ת י ך. דו וועסט שטאַרבען מיט דיינע עלטערען. — ו ק ם ה ע ם ה ז ה, ו ז נ ה א ח ר י נ כ ר ה א ר ץ. און דאָס פאָלק וועט אויפשטעהן, און דינען עבודה זרה. און איך וועל פערשטערען מיין בונד וואָס איך האָב געמאַכט. און איך וועל אבקעהרען מיין פנים אין דעם טאָג, איבער דיא שלעכטעס וואָס איהר האָט געטאָהן, ווייל איהר האָט אבגעקעהרט צו פרעמדע געטטער... אלזא, ווען דער פאָלק וועט דינען „עבודה זרה" מחלל שבת וימים טובים, מאכלות אסורות, א. ז. וו... געגנוג שלעכט ! — ו ע ת ה כ ת ב ו ל כ ם א ת ה ש י ר ה ה ז א ת. און יעצט וועל איך דיר ווייזען א וואונדער, שרייב א ספר תורה... און פיר קויף אותיות אין דער תורה, א „למד", א „יוד", א „שין",, א „ריש", א „מם" און א „צדיק" וועסטו זעהן ווי די זעלבע „מומרים" כופרים ומינים מחללי שבתות, אכלי השקץ והעכבר... קומען קויפען אותיות התורה... און באצאָהלען צו 5, 10 און 25 דאָלאַר פאַר א „אות" אין דער תורה... אין דער צייט וואָס פאַר א גאַנצען „ישראל" גיבען זיי ניט קיין פינף סענט...

ולמדה — את בני ישראל שימה בפיהם...

דער עיקר אידעאל צו שרייבען א ספר תורה, איז איהם צו

לערנען די אידישע קינדער, אום די תורה זאָל ניט ווערען פאַרגע־סען. אַט די „שירה" וועט זיין א וויטנעס פאר דעם אידישען פאָלק, אַז דער אידישער פאָלק איז אומשטערבליך אין אַלע צייטען און אונטער אַלע אומשטענדען בלייבט ער אַ איד אין זיין „נשמה"... אַט די הויכע געטליכע לעהרע נעהמען מיר אַרויס פון די פסוקים און אַ טרייסט פאַר דעם פאָלק, זאָ לאַנג ער וועט זיך האַלטען פעסט אָהן תורה הק' זיינען מיר א אייביגער פאָלק אָהן אַ „משה רבינו".

והמשכיל יבין.

ב.

מיר ווילען נאָך באַמערקען איין זאַך צו די אַלע אידען וואָס קויפען היינט ספר תורה'ס און ספענדען פיעל געלד אויף סעודות, מוזיק און אין דער זעלבער צייט פאַרגעסען זיי צו שטיצען ארעמע תלמידי חכמים, וואָס דער עיקר פון אלע שמחות התורה, איז ניט צו האַלטען אין אָרון קודש, נור לערנען די תורה, ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם, אויף דעם שרייט געוואלד איינער פון די גדולי הדור. (כלל ל"א בסימן נ'). חיי אדם.

ונ"ל דהספקת לומדי תורה קודם לכתיבת ספר תורה ודלא כהמון שחושבים שכתיבת ס"ת מצוה שאין למעלה ממנה ובזה לבד קונים עולם הבא. ואין נותנים להספקת לומדי תורה כלל והם בחושך ילכו ומכל שכן שמפזרים בשעת נתינת התורה לבית הכנסת בסעודות ורבוי נרות והוצאות מרובות ואילו ישמעו לדברי חכמים בודאי יותר טוב לפזר לעניים לומדים. עכ"ל הח"א ז"ל.

די גאָלדענע ווערטער דארפען זיין אויסגעקריצט ביי יעדען, יעדען מאן אָדער פרוי דארפען וויסען, אז שטיצען אָרעמע רבנים, לומדי תורה, זיינען מעהר מצוה וויא שרייבען א ספר תורה. און ניט ווי דער פראָסטער פאָלק, אַז שרייבען אַ ספר תורה איז די העכסטע מצוה און דאַמיט אליין קויפען זיי יענער וועלט, און זיי גיבען ניט קיין שטיצע צו לומדי תורה, און געהן דאַמיט אין דער פינסטערניש... און מאנכע ספענדען פיעל געלד אויף סעודות, מוזיק, אַ סאַך ליכט... ווען זיי ברייגגען אריין אין שוהל, ווען אָבער זיי

וואָלטען צוהערען די רייד פון די חכמים, אז עס איז געווים בעסער און מעהר פליכט צו געבען צו ארעמע לומדים, וועלכע לערנען תורה לשמה און זיינען מקיים מצות.

אָט דאָס איז דער הויפּט אידעאל פון יודענטהום צו פאַר־שפּרייטען תורה ברבים דורך העלפען לומדי תורה מיט פרנסה, און דער זכות התורה וועט אונז ברייגנען די גאולה פאר'ן פאָלק, ווי דער נביא מלאכי האָט געזאָגט — „זכרו תורת משה", דאן וועט קומען אליהו הנביא — הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא.

חיים יחיאל אשרי.

במהרה בימינו אמן.

דרוש לגנזי שמות

לכו חזו מפעלות אלהים, אשר שם שמות בארץ:

(תהלים, מ"ו).

אל תקרי שמות אלא שמות בארץ. (ברכות ז').

עס קומען צו מיר א קאָמיטע פון א „ראַדיקאַלען פעראיין" און פערלאַנגען פון מיר איך זאָל אַרויספאָהרען מיט זיי צו „אידישען" דיא נייע קרקע, וועלכע זיי האָבען געקויפט און שטעהט ליידיג... דיא אנרזאַכע איז, ווייל די ראַדיקאַלען האָבען זיך ענטזאָגט צו בעגראָבען דעם ערשטען מאָהל „שמות" און האָבען פון אַזאַ דומהייט ניט געוואָלט הערען און וויסען... האָט זיך אָבער דער „מלאך המות" אריינגעמישט אין דער „קיים". די ראַדיקאַלען האָבען ערוואַרטעט דאָס צו ערשט וועלען שטאַרבען די אלטע. די עלטערען און וועלען זיי בעגראָבען אויף דיא קרקע ניט גע־אידישט... אָהן שמות.. האָט דער „מלאך־המות" גענומען דוקא די „יונגע קינדער"... און דיא עלטערען האָבען געזאָגט, דאָס זאָלאַנג זיי וועלען ניט „אידישען" די קרקע וועלען זיי ניט געבען די קינדער... און דער „סטרייק" האָט אָנגעהאַלטען 3 יאָהר צייט, און די קרקע איז געשטאַנען ליידיג... ענדליך האָבען די ראַדיקאַלען נאָכגעגעבען דעם פערלאַנג צו אידי־שען די קרקע... און עס זיינען ארויסגעפאָהרען אלע מיטגליעדער אויפ'ן פעלד מיט פעקלעך, טעפּ, אלטע „שמות", איך האָב געהאַל־טען מיין „דרשה" ביי דיא „הייליגע שמות" דעם פסוק פון תהלים.

אייב איהר ווילט זעהן גאָטהייט פון דעם וואָס מאַכט פארוויסטען די ערד! אָבער וואָס איז א וואונדער פון גאָטהייט? דאָס קענען דאָך מענשען אויך פאַרוויסטען די ערד! ווי מיר זעהן אין דער מלחמה וואָס די קאַנאָנען האָבען געמאַכט א חורבן אויף דער וועלט. דאַן קומען דיא בעלי התלמוד און ערקלעהרען, אל תקרי שמות, אלא שמות... ניט פערוויסטען, נור פון די נעמען פון די טויזענדער בעלי חיים וואָס לעבען אין ד'ערד... קענען מיר זעהן גאָטהייט אויף דער וועלט. אָבער יעצט, מיינע פריינדע, קען איך זאָגען גאַר פשוט, קומט און זעהט גאָטהייט אויף דער וועלט! אָט דוקא פון אייך אליין קענט איהר זעהן ווי שטאַרק גאָטהייט איז אויף דער וועלט. מענשען, וועלכע זיינען ראַדיקאַל געזאָגען שוין ניט געדאַווענט 25 יאָהר, קיין שבת, כשרות, תפילין, ציצית, א. ז. וו... זאָלען נעהמען אַלטע אָבגעלעבטע „שמות און פיהרען בעגראָבען אין א קבר... יא, פריינדע! אָט די אלטע „שמות בארץ" דערצעהלען די וואונדער פון גאָטהייט אין דער צייט פון פראָגרעס, פרייהייט, און הפקר־צושטאַנד אין דעם אידישען לאַגער...

אל תקרי שמות, אלא „שמות בארץ"... והמשכיל יבין.
חיים יחיאל אשרי.

דרוש לשבת ר"ח אלול, תרע"ח

פרשת ראה, פתוח תפתח את ידך.

אני ישנה, ולבי ער קול דודי דופק פתחי לי. (שה"ש, ה').

אני ישנה, אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע אני ישנה מן המצות, ולבי ער לגמלות חסדים, אני ישנה מן הקרבנות, ולבי ער לתפלה ולק"ש, אני ישנה, מבית המקדש, ולבי ער לבתי כנסיות ובתי מדרשות, אני ישנה מן הקץ, ולבי ער לגאולה, אני ישנה מן הגאולה, ולבי של הקב"ה ער לגאלינו, א"ר חייא בר אבא, איכן מצינו שנקרא הקב"ה לבן של ישראל, שנאמר (תהלים ע"ג) צור לבבי וחלקי אלהים לעולם, קול דודי דופק פתחי לי, ר' יסא אמר, אמר הקב"ה לישראל בני

פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודה של מחט, ואני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו.
(מדרש רבה, שה"ש, פ"ה.)

א

ראש חודש אלול

די דורשי רשומות האָבען געגעבען א רמז אויף דעם וואָרט „אלול" ר"ת „אני־לדודי ודודי־לי" דאָס הייסט, איך צו מיין געליבטען און מיין געליבטער צו מיר. א גאַנץ יאָהר איז דער איד פאַרטאָן אין ביזנעס ווייט פון פאָלק, פון שוהל, בית המדרש, און אלע אידישע אינטערעסען, פעריאַגט ווי טאָג אזוי נאַכט. פון פאָלק פון אידישע אינטערעסען, פון שוהל און בית המדרש, פעריאַגט ווי טאָג אזוי נאַכט, פלוצלונג קומט דער חודש „אלול" און דער איד דערפיהלט עפּעס א בייגקענעס אין זיין נשמה, קומט נעהענטער צו אידען, בעזוכט עפטער די שוהל, ווערט פרייגעביג אין „צדקה" און פאַנגט אָן צו שפּירען מעהר ליעבע צו השי"ת, צו די תורה הק', נעהמט מעהר אינטערעסע אין פאָלקס־לעבען, דער חודש אלול איז מזל „בתולה" דער סימבאָל פון טרייהייט און ליעבע צו די תורה און צום פאָלק. און השי"ת ווערט נעהענטער צו זיין פאָלק ישראל. די תפלות ווערט מעהר געהערט אין דיא צייט „עת רצון לה'" אָט דאָס הייסט, „אלול" אני לדודי ודודי לי:
והמשכיל יבין.

ב

אני ישנה ולבי ער. קול דודי דופק פתחי לי, אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע אני ישנה מן המצות ולבי ער לגמלות חסדים.

מיר וועלען דאָס ערקלעהרען מיט א משל. אין דער פריה איז ר' יעקב ארויס פון זיין הויז א געזונדער מענש און האָט געזאָגט „גד באי" צו די פרוי און די קינדער, וועו עס איז אוועק א שטונדע צייט איז ר' יעקב געפאַלען אין סטריט. עס איז געוואָרען א גוואלד, מענשען זיינען צוזאַמענגעקומען און מען האָט גענומען איהם אויפהייבען און מינטערען, אבער אין קול ואין עונה. ער ליגט ווי א אבן דומם, געוואָרען פאַראליזירט און דער קערפּער קאַלט ווי אייז... מען האָט גערופען א דאָקטאָר, ער האָט ערקלעהרט, ר' יעקב איז טויט!

און געהייסען טראגען איהם אהיים צו זיין פאמיליע. שטעלט זיך פאר וואס עס קומט פאר אין הויז. ווען מיט א שטונדע פריהער איז ער געווען פאלקאם געזונד. די פרוי רייסט דיא האאר פון קאפף, די קינדער ברעכען דיא הענד. און גלויבען ניט דאס דער פאטער איז טויט... ניין! מען מוז רופען דאקטוירים, גרויסע פראפעסארען און טרייען איהם רעטען דעם לעבען. די דאקטוירים האבען גענומען ר' יעקב'ן אויף'ן טיש צום עמזאמען. מען האט איהם געשטאכען מיט נאדלען אין קערפער און ער האט ניט געפיהלט... דאן האבען 2 דאקטוירים ערקלעהרט דאס ער איז טויט... דער דריטער דאקטאר האט ניט אויפגעגעבען די האפנונג איהם צו רעטען. און ער האט איהם גענמען וואַרפען, קייקלען, טרייסלען דעם קערפער... ביז ער האט אנגעהויבען פיהלען, אז דער קערפער ווערט ווארעמער, לעבעדיגער... דאן איז ער ארויס צו די פאמיליע אונזע רקלעהרט, אז אין א פאר שטונדען צייט וועט ער קומען צו זיך און וועט לעבען. וואסערע צייכענט האט דער דאקטאר בעמערקט? אין דעם מענשען איז דא צוויי גליעדער וואס זיינען פעראייניגט אין לעבען דאס איז דער „פולס" פון האנד, און דיא הארץ... איינער זאגט אויפ'ן צווייטען דעם סוד... דער „דופק" פולס זאגט אוים דעם סוד פון הארצען.. א נארמאלער פולס איז א צייכען אז די הארץ איז פאלקאם געזונד. ווען דער „פולס" פליהט צו שטארק איז א צייכען פון היטץ!
— ווען דער מענש האלט ביים שטארבען ווערט פון מינוט צו מינוט דער „פולס" שוואכער און שוואכער, און דאס זאגט אן אז די הארץ וועט באלד אויפהערען קלאפען און ווערען שטיל... און דאס הייסט טויט! ווען דער דאקטאר האט גענומען הערען אפילו א שוואכען „פולס" איז דאס א צייכען, אז די הארץ לעבט נאך און עס איז נאך מעגליך צו רעטען דעם מענשען. און נאך א פונקט, ווען דער מענש שלאפט נאך'ן אפעראציאן אמאל 10—20 שטונדען איז ער טויט אויף אלע גלידער. אבער צוויי גלידער מוזען לעבען, דאס איז וואס דער דאקטאר האט אלע ווילע דעם „פולס" די האנד, און די הארץ... ווען די צוויי גליעדער שלאפען... דאס הייסט דער מענש איז טויט!.. — — — — — — —

ג.

ביי קיין מצוה פון די תרי"ג איז פערבונדען די צוויי גליעדער

די האַנד און די האַרץ.. ווי ביי די מצוה פון צדקה. ווען איינער שרייט, אַז ער איז אַ איד! אין וואָס בעשטעהט זיין „אידישקייט" זאָגט ער, אַז ער איז אַ יהודי אין האַרצען... דערצו דאַרפען האָבען אַ דאָקטאָר צו טאַפּען דעם „פּולס" דאָס מיינט די האַנד... ווען מען קומט בעטען פיר צדקה, פיר ישיבות, פיר רעליעף, פיר אונזערע ברידער, פיר „עזרת תורה פאָנד", פיר ארץ ישראל. און ער גיט מיט אַ ווארימע האַנד... איז אַ צייכען, אַז דאָ קלאַפּט און לעבט אַ גרויסע אידישע האַרץ.. פיר זיין פאָלק אָבער ווען איינער האָט אַ פערמאַכ־טע, אַ פערדאַרטע איינגעצויגענע הענד.. דאָס איז אַ צייכען אַז דאָ איז אַ טויטע האַרץ.. אָט דאָס זאָגט די תורה הק' ביי די מצוה פון „צדקה" — לא תאמץ את לבבך, האָב גיט קיין אייזערנע האַרץ.. ווען מען קומט פערלאַנגען הילפע פיר דיינע ברידער, פון וואַנען ווייסען מיר, אַז דו האָסט אַ קאַלטע טויטע האַרץ... — ולא תקפץ את ידיך מאחיך האביון דיין פערמאַכטע איינגעצויגענע האַנד... דיין „פּולס" זאָגט אויס דעם סוד.. אַז דיין האַרץ איז קאַלט און טויט... כי פתוח תפתח את ידך לו: עפען דיין האַנד צום אָרעמין, ווען דו וועסט האָבען אַן אָפענע האַנד.. ולא ירע לבבך בתתך לו. דאָס וועט איבערצייגען, אַז דו האָסט אַ גוטע האַרץ, אַ אידישע האַרץ צו העלפען דיינע ברידער, און דיין פאָלק. אזוי האָט די תורה הק' ביי די מצוה פון צדקה פעראייניגט די האַנד מיט די האַרץ...

והמשכיל יבין.

ד

אני ישנה מן המצות, ולבי ער לגמילת חסדים.

עס שלאָפען אַ גאַנץ יאָהר די טליתים, תפילין, ציצית, ש"ס, מדרשים. עס פּאַסירט אַ איד קומט איין מאָהל אַן יאָהר „יום כפור" אין שוהל, יאון פאַרנאַכט צו נעילה, נעהמט ער דעם „טלית" מיט'ן „מחזור" לייגט צוזאמען און זאָגט — „מיום כפורים זה, עד — יום כפורים הבא עלינו"... און איז פערטיג מיט די שוהל און טלית אַ יאָהר צייט... זאָגט דער איד: רבש"ע — אמת איך שלאָף אַ יאָהר.. אָבער ניט טויט!... דער פאַקט איז, אַז איך האָב אַ אידישע האַרץ... ווען איינער קומט בעטען אַ „גמילות חסדים" און דערביי מאַכען

א לעבען פיר זיין פאמיליע ווען מען פערלאנגט הילפע פיר די ברי־דער אין אייראפא גיב איך מיט אפענע הענד... מיין „פולס“ געהט. איז א צייכען, אז מיין הארץ לעבט! — אני ישנה ולבי ער לגמלות חסדים.

ה.

אני ישנה מן בית המקדש. ולבי ער לבתי כנסיות ולבתי מדרשות. זאגט דער איד ווייטער. איך שלאף פון א „בית המקדש“ פון א הייליגען פלאטץ, פון א גייסטיגען צענטער, וואו אלע אידען זיינען זיך צוזאמענגע־קומען „שלש רגלים“ שעפען „רוח הקודש“. אבער דערפאר איז מיין הארץ קלאפט פיר א שוהל... אין שוהל ווערט דערוואַרעמט די אי־דישע הארץ... הונדערטער און טויזענדער ווערט געספענט אין שוהל פיר עליות, פתיחות, מפטיר יונה... אין שוהל איז שוין די אידישע הארץ צו ווארעם, ווייל עס קלאפט דער „דופק“ דער „פולס“ צו שטארק. איז א צייכען פון היטץ... און עס ווערט א סקאנדאל איבער עליות אין דעם הייליגסטען טאג „יום כפור“ — אט אזוי ברענט די אידישע הארץ אין שוהל... — אני ישנה מבהמ״ק ולבי ער לבתי כנסיות...

ו

אני ישנה מן הגאולה, ולבו

של הקב״ה ער לגאלינו:

אמת, זאגט דאס אידישע פאלק. מיר שלאפען פון „פרייהייט“ אין דער צייט ווען אלע זיינען געוועזען אויף פיר די אינטערעסען פון זייער פאלק. פוילין, אוקראינא, סערביען, מאנטאנעגרא, רומע־ניען, בעלגיען, בולגאריען, קליינע און גרויסע לענדער זיינען געווע־זען מיט יאהרען צוריק אין אלע גרויסע פארלאמענטען, און געאר־בייט פיר זייערע פעלקער. שטיל אהן רעש און געפילדער, אהן מי־טינגס אלע מאנטאג און דאנערשטאג, מיט קאנווענשאנס, און קאנ־גרעסען, וועלכעס פערצעהרט דעם פאלק זיין בלוט און געלד, אויפ־צוהאלטען דיפלאמאטען, אמבאסאדארס און שרייבערס. און גרוי־סע אפיסען פיר די ליטעראטען... אבער די „טרוקענע פאליטיק“ ווערט זעהר ווייניג העלפען צו דער ערלייזונג פון דעם אידישען פאלק.

עס איז געקומען די צייט ווען „אידישע בעפרייער" דארפן ארבייטען ניט נור פיר דעם קערפער פון פאלק, נור אויך פיר זיין גייסט. פיר זיין נשמה, פיר תורה ומצוות. ווען איינער זאגט, אז ער האט א „אידישע הארץ" דריקט ער אויס דערמיט, אז ער פארמאגט א „געטליכע נשמה". אט דאס ערקלעהרט דער „מדרש רבה" פון וואנען ווייסען מיר, אז השי"ת הייסט די הארץ פון דעם אידישען פאלק? שנאמר (תהלים, ע"ג) צור לבבי וחלקי אלהים לעולם. דאס דריקט דער איד אויס ווען ער זאגט, אז ער האט א אידישע הארץ. וד"ל.

ז

קול דוד דופק. ווען ביי דעם אידען קלאפט דער „פולס" דאן איז ער ניט טויט, נור ער שלאפט... און א גרויסער דאקטאר קען איהם רעטען דעם לעבען. ווען אונזערע רבנים, דרשנים, מגידים און מטיפים זאלען פערשטעהען די צייט און דעם „פולס" פון פאלק. וואס ער דארף האבען צו דערהאלטען דעם לעבען. וואלטען מיר פיל געקענט העלפען פון א מאראלישען טויט! מען שפיעלט זיך אין פאליטיק... און גרינדען פארטייען און קלייזלאך... און אין פילע שוהלען זיינען וואכען און מאנאטען ליידיג, און מען הערט ניט א אידיש ווארט... צו דערהאלטען און דערווארעמען די אידישע נשמה... מען פאהרט ארום פון איין שטאדט אין דער צווייטער שטאדט פיהרען פאליטיק... אין דער צייט ווען אין דער היים, אין זיין שטאדט שטארבט דער פאלק, פון ניט הערען עטוואס פון „אידישקייט" און מען פיהרט אין שוהלען פאליטיק...

און דער פאלק פרעגט צו אויף דעם האט מען גערופען „א מאסענפערזאמלונג" צו הערען ווי איין פארטיי וואשט די שמוץ פון די צווייטע פארטיי?... איז דאס די אויפגאבע פן אונזערע רעליגיעזע פארשטעהער פון יודענטהום?... אין דער צייט ווען אין רוסלאנד, פוילען און ליטא איז דער „גייסטיגער צענטער" כמעט פערניכטעט אויף לאנגע יאהרען, און אין אמעריקא שפיעלט מען פאליטיק און מען האלט אין גרינדען נייע פארטייען און קלייזלעך. וד"ל.

ח

די אויפגאבע פון אונזערע גייסטיגע פארשטעהער, ווי רבנים, דרשנים, מגידים, מטיפים, צו לערנען דעם פאלק תורה ומצות. ווי די תורה הק' זאגט, ולהבדיל בין הקודש ובין החול, ובין הטמא ובין

הטהור. ולהורות את בני ישראל. (ויקרא, י׳) יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל. (דברים, ל״ג) ואת עמי יורו בין קודש לחל ובין טמא לטהור יודיעום, (יחזקאל, מ״ד) כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ה׳ צבאות הוא. (מלאכי, ב׳) כי שאל נא לכהנים תורה, (חגי, ב׳) די דינים פון טומאה וטהרה פערנעהמט א גרויסען פּלאַטץ אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק. און איבערהויפּט די דינים פון נדה און מטהר זיין אשה לבעלה, וועלכעס מען דאַרף האָבען א רב מובהק, און דער־ביי דאַרף דער „רב בישראל" זיצען אין שטאָדט און ענטפערען ווען מען קומט פרעגען „שאלת נשים", און מיר געפינען ביי „דוד המלך" ער האָט געזאָגט דאָס ער איז א חסיד. אלע קעניגע פון דער וועלט גרינדען „אגודות אגודות" פיר זייער עהרע... און איך מיינע הענד זיינען איינגעריכט אין בלוט. „דם, ובשפיר בשליא, כדי לטהר אשה לבעלה". (ברכות, ד׳) און מיר געפינען ווען מען האָט געפיהרט הרג׳ענען ר׳ שמעון בן גמליאל און ר׳ ישמעאל כהן גדול, האָט ר׳ שמעון געוויינט, האָט ר׳ ישמעאל געפרעגט ווארום ר׳ שמעון וויינט ? האָט ר׳ שמעון געענטפערט איך ווייז, ווייל מען משפט אונז ווי גרויסע פערברעכער. ווי ע״ז שבת, מגלה עריות און ווי גזלנים. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט, פיללייכט האָסטו געגעסען, אָדער געשלאָפען... און א פרוי.. איז געקומען פרעגען וועגען טומאה וטהרה, וועגען נדתה, אן מען האָט איהר געהייסען וואַרטען ביז דער „רבי" וועט אָפּעסען, אָדער אויפשטעהן פון שלאָף... און די תורה האָט געזאָגט — : ל אלמנה ויתום לא תענין, אם ענה תענה אותו, וכתיב בתריה. והרגתי אתכם בחרב. בחרבי לא נאמר אלא בחרב : דערפאַר קומט דיר אזא שווערע שטראָף צו הרג׳ענען׳ מיט׳ן שווערד! וד״ל (שמחות, פ״ח).

היינט ווען דער „רבי" פון שטאָדט פאָהרט אַוועק וואָכען און מאָנאַטען, און לאָזט ניט איבער קיין „מורה הוראה" אין שוהל אָדער אין שטאָדט, און פאָהרט אין א פרעמדע שטאָדט ריידען ווע־גען יודענטהום... וועגען כשרות, וועגען „טהרת המשפחה" א. ז. וו. פון די צוויי מאמרים זעהן מיר ארויס די גרויסע מאָראַלישע פאַר־אַנטוואָרטליכקייט פון א „רב בישראל", דאָס ער מוז זיצען אויף א אָרט אין זיין שטאָדט און ענטפערען... און דאָס איז פיעל וויכטי־

נער ווי צו זיין א „רעלעגאט" צום קאנגרעס אין פילאדעלפיא, אדער א קאנווענשאן אין שיקאגא... וד"ל.

ט.

די תורה הק' האט דעם שבט לוי. די כהנים, בעפרייט פון צוויי זאכען. א) האם זיי זאלען ניט האבען קיין חלק אין לאנד, זיך באשעפטיגען מיט ערד ארבייט, און באקומען פון פאלק תרומות ומעשרות, אום זיי זאלען די גאנצע צייט צו לערנען תורה ומצות דעם פאלק, האבען זיי געהאט פרנסה פערטיג אהן פיזישע ארבייט, (דברים, י"ח) לא יהי' לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל אישה ה' ונחלתו יאכלון: ונחלה לא יהי' — לו בקרב אחיו ה הוא נחלתו כאשר דבר לו *).

---

*) א' הרב החכם החוקר אלהי ר' יעקב אנטולי, (בספר מלמד התלמידים, פ' בהעלותך.) כתב וז"ל — ואל השלמות הזה נבחרו בני לוי להיותה נתונים לשם ולפיכך הטריף להם לחם חוקם בלא טורח רב ולפיכך לא היתה להם נחלה בתוך בני ישראל כדי שיהיו פנוים ללמוד ולהוציא דבר מתוך דבר וללמד בני ישראל בזמנים פנוים להם, וכן כתוב יורו משפטך ליעקב ותורתך לישראל. ע"ש.

ב) בספר החינוך, להרא"ה ז"ל (מצוה תק"ד) כתב וז"ל — לא יהיה לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה. „משרשי המצוה כדי שיהיה כל עסק השבט הזה בעבודת האל ב"ה ולא יצתרכו לעבוד את האדמה ושאר השבטים נותנין להם חלק מכל אשר להם מבלי שיגעו הם בדבר כלל".

ג) ובספר מדרש שמואל. על אבות פ"ג, היה הגרסא : „מעשרות סייג לתורה". — כי ידוע הוא שעיקר התורה מתקיימת בכהנים ולויים ועליהם נאמר יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל. ובהם תמצא החכמה. והטעם הוא שמזונותיהם מוזנים בלא טורח ולא נתנה תורה אלא לאוכלי המן, ולכן במה שצוה הוא מצות המעשרות מעשר ראשון ללוי, ותרומת מעשר לכהן, הרי שבזה זימן להם מזונותיהם ואין להם טרדת המזונות, למצוא טרף לביתם ובזה יהגו בתורה יומם ולילה ומהם תצא תורה לישראל. נמצא שהמעשרות הם סייג לתורה שאלו לא היו המעשרות היו מוכרחים וגם להם למצא טרף לביתם ולהניח הלימוד והיתה התורה נשכחת". עכ"ל.

ב) די תורה האט פארווערט די כהנים און דעם גאנצען שבט לוי, ניט נעהמען קיין אנטהייל אין די פיהרונג פון מלוכה, זיי זייּ־נען די מורי התורה, צו זיין באלאנגט די כהונה, און דער כתר תורה. אבער דער „כתר מלכות“ באלאנגט צום שבט יהודה, און צו דוד המלך, א. ז. וו. איהם דאמיט זיי זאלען קענען אבגעבען די גאנצע צייט צו לערנען דעם פאלק תורה ועבודת השם. מיר געפינען צוויי גייסטיגע ריזען פון דעם אידישען פאלק, רבינו הגדול הרמב״ן ז״ל *) און רבינו הגדול המבי״ט, ז״ל, ערקלעהרען דעם גרויסען פארברעכען פון די „חשמונאים“, ווייל זיי האבען גענומען די מלוכה, און דאס באלאנגט צו די בית דוד פון שבט יהודה, און דער שבט לוי, זיי טארען ניט נעהמען קיין מלוכה אמט, און מוזען זיין פריי צו זיין מורי התורה ועבודת ה׳ ניט פיהרען פאליטיק... און פיהרען די רעגירונג... דאס האט די תורה הק׳ פארווערט דעם גאנצען שבט לוי און כהנים, וד״ל.

י.

אבער אין דער לעצטער צייט האבען א גרויסער טהייל פאר־נאכלעסיגט די גרויסע מאראלישע פליכט צו לערנען דעם פאלק תורה ומצות, פיעל רעדעס איז פשוט דברים בטלים, ליצנות,

---

*) הרמב״ן ז״ל על התורה פ׳ ויחי כתב וז״ל — ואפשר ג״כ שהיה עליהם (חשמונאים) חטא במלכותם מפני שהיו כהנים ונצטוו תשמרו את כהונתכם לכל דבר המזבח ולבית לפרכת ועבודתם עבודת מתנה אתן כהונתכם. ולא היה למלוך רק לעבודת ה׳. וראיתי בירושלמי במסכתא הוריות. אין מושחין מלכים כהנים. אמר ר׳ חייא בר אבא למען יאריך הוא על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל. מה כתיב בתריה לא יהיו הכהנים הלוים. הנה שנוי מכאן שאין מושחין מלכים מן הכהנים בני אהרן. ור׳ חייא בר אבא פירוש שהוא מנוע מן התורה שלא יהיה הכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה במלכות והוא דבר ראוי והגון. עכ״ל הרמב״ן ז״ל. ווכן כתב המבי״ט בספר „בית אלהים“ (שער היסודות, פרק ס״א). „וכשמלכו בית חשמונאי לא העמידו מלך מבית דוד. וזאת היתה חטאתם, כי כבדה עד שכלו בני חשמונאי והיו צריכין להתפלל על צמיחות קרן דוד“. משה אמת ותורתו אמת. וד״ל.

ברחנות, גראבע וויצען... פילע דרשות זיינען פול מיט פאליטיק און פראפאגאנדע פיר פארטייען און קלייזלעך... און זיינען ארויף אויף א נייעם פעלד צו פיהרען פאליטיק... ווי דער נביא ירמיה זאגט: הכהנים לא אמרו איה ה'? (ירמיה ב') *) די כהנים זאגען

---

*) א) והקדוש רבנו בחיי בספרו היקר „כד הקמח" אות שבת כתב. — כיון שהוכחנו כח גודל מצות השבת שהנסתר והנגלה שבא יורו על נפלאות תמים דעים, ראוי לנו להעיר עיני העדה להצטער ולדאוג על שערוריה שנעשתה בארץ, שיש בישראל מחללי שבתות ושופטים ושוטרים שבכל שער ושער העלם יעלימו עיניהם מעם הארץ בחללם את יום השבת. והנה הם חושכים שבט מוסר לרדות הסברנין, ודי לנו חרפה גם בזיון וקצף בהיות בישראל מחללי שבתות בפרהסיא. הנה משה רבינו אזר חלצו במצוה זו וחייב סקילה והוא חטא המקושש ועוד בראותנ האומות שהם שומרים ימי חניהם, וישראל אינם משמרים השבתות והמועדים הנקראים מועדי ה' הנה יש בזה עון „חלל השם" נוסף גם הוא על עון חלול שבת". ע"ש שהאריך בזה.

ב) מהרש"א, ז"ל (שבת קי"ט) בד"ה בשביל שחללו בה את השבת. ומשבתותי העלימו עיניהם ואחל בתוכם (יחזקאל, כ"ב). דקאמר אכהנים קאי שהם מורי התורה. ולפי שאיסורי שבת אין יודעין להמון עם כמו שכתב הרמב"ם כגון הקשירה והטלטול והליכה והדבור להודיען לעם הארץ אבל הם הכהנים העלימ עיניהם של עם הארץ בכל זה ועי"ז ואחל בתוכם. ע"ש.

ג) מהר"ם שיף סוף גיטין, שנת שצ"ה. — ובפרט בזמנים הללו שרבים מבני עמינו מקילים בחילול שבת שהיא מצוה ממצות עיקרית שבתורה, רש"י פ' שלח למה נסמכה פרשת מקושש לפרשת ע"ז, לומר לך שהמחלל שבת כאלו עובד ע"ז. שאף היא שקולה ככל המצות. וכן הוא אומר בעזרא על הר סיני ירדת ותתן לעמך תורה ומצות ושבת קדשך הודעת להם. וזה אחד מהסיבות לכובד הגלות, כל המקיים את השבת ניצול מג' פורעניות כו'. ועלינו להרחיקם בכל מיני הרחקת כדין החשוד לדבר אחד אין חשוד לדבר אחר כו' חוץ מחללי שבתות בפרהסיא. ואין לך מחללי שבת בפרהסיא גדול מזה ומה לנו להזכיר שאר עבירות שקרוב לודאי שעושין שפורקין עול מלכות שמים: ק"ש, ותפלה, תפילין, ציצית, וכה"ג עצמו מספר בלא ספק אחר כן בבואם מכבדין אותן כאילו בא תלמוד חכם ויותר קוראין אותן לפני ספר

ניט וואס הייסט דער אמת'ער יודענטהום ? און וואס הייסט גאט־הייט ? און פארשוועכען דעם נאמען וואס זיי טראגען... און ווייטער זאגט דער נביא ירמיה, (י"א) כי לא תאבד תורה מכהן. ועצה מחכם, ודבר מנביא, דער כהן איז באשטימט פיר תורה ועבודת ה' *) דער „חכם" פיהרען פאליטיק און דער „נביא" צו רייה'ען צום פאלק, און ווי ישעיה זאגט, ה' נתן לי לשון למודים, (ישעיה נ"ג) און ווען איהר וועט זיך האלטען ביי דער פראגראמע וועט יעדער טהייל טהאן זיין פליכט צום פאלק, דער כהן, חכם און נביא, וועט הערשען צווישען זיי פרידען און הארמאניע — שלום על דייני ישראל, דלא אתי לאינצוי (כתובות נ"ג) און מיר וועלען דערלעבען די צייט, והשב כהנים לעבודתם, ולוים לשירם ולזמרם, והשב ישראל לנויהם, במהרה בימינו, אמן.

חיים יחיאל אשרי.

דרוש ליום ראשון של סליחות התרע"ח

קומי רוני בלילה לראש אשמורות, שפכי כמים לבך נכח פני ה' שאי אליו כפיך על נפש עולליך, העטופים ברעב בראש כל חוצות. (איכה, ב'.)

תורה, וישנו כמה ראשי עבירות אשר בעוה"ר הוין ורגילין אין להם שייכות בדרוש הסיום ואם יזכני השי"ת ב"ה ויה" שלום נזכיר איזה מהם בפעם אחרת. ובכן נזכה לביאת גואל ליום שכולו שבת. אמן.

*) בספר „מלמד התלמידים" להרב החכם החוקר אלקי ר' יעקב בר' אבא מרי אנטולי ז"ל כתב — ואתה ראו גם ראו כונת התורה שעל היחידים להורות דרכי הקדושה המבוקש מהעם ועל העם לשמוע בקולם והוא עיקר הכונה במועדים בשבתות כמו שנזכר בפסוק זה והוא שכונה התורה לסדר המועדת „בפרשת כהנים" ללמדך שקדושת שאר העם תלויה בשבתות ומועדים בבואם בם לשמוע דברי תורה והמצוה מידעים ולקבל אותם קבלה אמתית. והוא שדרשו חז"ל ואמרו וידבר משה את מועדי ה' אל בני ישראל, משה תיקן להם לישראל שיהיו שואלין ודורשין בעניני של יום, ועל העם צוה שיהיו שואלין ועל היחידים שיהיו דרשין. ברך ה' אשר נתן מנוחה לעמו ישראל. למען דעת כל עמי הארץ כי ה' הוא האלהים אין עוד. עכ"ל הרב החוקר ז"ל.

ויהי באשמורת הבקר, (שמות, י"ד) לעולם תפלתן של צדיקים נשמעת בבוקר, שנאמר וישכם אברהם בבקר, (בראשית כ"ב) וישכם יעקב בבוקר (ש' כ"ח) וישכם משה בבוקר (שמות, ל"ד) וישכם יהושע בבוקר (יהושע ג') וישכם שמואל לקראת שאול בבוקר (שמואל א' ט"ו) וישכם דוד בבוקר (שמואל א' י"ז) וכן דוד אמר ה' בקר תשמע קולי (תהלים ה') פסוק זה דוד אמרו על תפלת הצדיקים שבכל דור ודור:

(מכלתא, בשלח פ"ה. מדרש לקח טוב, על התור.)

רש"י ז"ל. בד"ה באשמורת הבוקר (ברכות ג') שלשת חלקי הלילה קרוין אשמורת ואותה שלפני הבקר קורא אשמורת הבוקר. ע"ש, וכתב בעל הטורים. בד"ה באשמורת הבוקר, ב' הכא ואידך ויבא בתוך המחנה באשמורת הבוקר גבי שאול בהלחמו עם אנשי יבש גלעד, שהוא עת רצון שהקב"ה עושה בה נס לצדיקים: (ובשו"ע אורח חיים, תקפ"א סא.) נוהגים לקום באשמורות לומר סליחות ותחנונים.

והחכם המדקדק הגדול „האפודי" (בספר מעשה אפ"ד, וויען 1865 צד 14) כתיב וז"ל — ומי יודע אם הצלת קהלות ארגון אשר הם העקר שנמלט מגלות ספרד היתה לרוב שקודתם על התפלה ולקום בלילי אשמורות להתחנן לה' בתחנונים ובדברי יסודתם על מאמרי הכתוב והמזמורים אשר בספר תהלים אשר מסגולתם כאמור להמשיך השפע והשגחה על העם, ולזה אמר קדמו, עיני אשמורות לשיח באמרתך (תהלים קי"ט) הנה באמת אני חושב זה סבה מיוחדת להצלתם. עכ"ל החכם האפודי בהקמה. ע"ש.

א.

עס איז א מנהג ישן נושן פון הונדערטער יאָהרען ביי דעם אידישען פאָלק, אויפשטעהן אין דער פריה פאר טאָג צו סליחות. דעם זאָנטאג פאר ר"ה און בעטן און טהאָן תפלה פיר השי"ת אויף דעם אידישען אונגליק אין דער צייט פון גלות, וואָס פאר א שעהנעס הייליגקייט האָט פאַרגעשטעלט דער בילד פון אויפשטעהן אין דער פריה 4 אוהר פאַרטאָג, קליין און גרויס, אָרעם און רייך, זיינען גע־גאַנגען צו סליחות, מיט א ריינע נשמה און א ריינעם גוף... איז דער איד אוֹיפגעשטאַנען מיט זיינע קינדער פאַר טאָג, לעֲבודת

הבורא, ווען די נאטור איז שטיל, דער האָן קרייעט און וועקט מיט זיין שטימע די מענשען שטעהט אויף! וואָס שלאָפט איהר מענ־שען שטעהט אויף לעבודת הבורא, אַ שטאַרקער ווינד בלאָזט, אין מאַנכע ערטער איז שוין דאָ אייז... פאַרפראָהרען קליינע בלאָטקעס און ארעמע קינדער געהען נאקעט און באָרפעס... און געהען צו סליחות קומענדיג אין שוהל איז שוין ליכטיג, די עלטערע אידען זייי־נען שוין פאַרטיג צ זאָגען סליחות, און דער עולם ווערט וואָס ווייי־טער גרעסער און גרעסער און מען וואַרט אויף דעם הייליגען מאָ־מענט ווען דער חזן וועט אַרויסזאָגען זיין יאָמערליכען און האַרצי־גען „אשרי" און ווייטער ווערט ליכטיגער, הייליגער, הערליכער מיט הייליגע נשמות וואָס קומען אויסגיסען זייער הארץ פאר השי"ת אויף דעם אונגליק פון זייער פאָלק, אויף גלות השכינה. אָט שווע־בען פיר מיר די קינדער יאָהרען, ווען איך בין מיט מיין פאָטער ז"ל אויפגעשטאַנען אין דער פריה צו סליחות און געגאַנגען אין בית המדרש, הייליגע זכרונות פון אמאָליגען אידישען גייסטיגען לעבען.

ב.

איך בין געקומען אין אמעריקא אין יאָהר תרנ"ד, און ווען עס קומט די ערשטע סליחות, קיין זכר ניט פון יענע הייליגע ביל־דער, עפּיס קומט מען צונויף האלבע נאכט... און מען קלאַפּט און מען פּויקט א גרויסע ביזנעס פון שוהל טיקעטס... דער עולם זיצט שבת נאַכט נאָך הבדלה ווער אין ביזנעס, ווער זיצען און שפּילען אין קאָרטען... און ווער זיצען אין טהעאטער און הערען אַ קאָמעדיע אָדער אַ וואָדעוויל... און ענדע דעם דריטען אַקט, פאַלט דער פאָרהאַנג און אַן אַקטיאָר מיט אַ סילקענעם טלית גיט אַ געשריי: „אשרי"! ביים עולם ווערט א טומעל וואָס מען מאַכט פון זיי חוזק און דער מענעדזשער ערקלעהרט דעם עולם, דאָס דאָ איז א שוהל פאַר „ימים נוראים" און דער חזן... זאָגט סליחות פאַר'ן זעלבען טיקעט... און אין די שוהלען איז מען שטאַרק ביזי מיט פאַרקויפען טיקעטס און דער עולם הערט דעם חזן... און לויפט הערען אַ צווייטען חזן... און לויפט הערען אַ דריטען חזן... און ווען מען לאָזט ניט אריין אָהן אַ טיקעט, שטעהט מען אונטער די ווינדאוס... א גאנצע נאַכט לויפט מען אַרום פון שוהל צו שוהל... און אויף מאָרגען ווערט דעבאַטירט וואָסער חזן האָט

שטאַרקער די אויבערשטע טענער און ביי וועמען עס איז שטאַרקער די אונטערשטע טענער... אַט אַזוי ווערט פאַרבראַכט די ערשטע סליחות אין אמעריקאַנער שוהלען, קיינע באַגייסטערונג, קיינע הייליגקייט, קיינע ריינע נשמות מיר הערען נור א מאַרקעט פון טיקעטס... מענשען זיצען כמעט נאַקעט אין העמדער, פאַרקאַשערט די ארבעל צו אַטענדען ביזנעס....

ג.

די צייט פון סליחות וועבט כמעט איבעראל געזאָגט 12 אוהר האַלבע נאַכט, ווער האָט מבטל געמאַכט א „מנהג" זייט הונדערטער יאָהרען זיינען אידען אויפגעשטאַנען פאַר טאָג צו סליחות, און אַלע פּוסקים ראשונים ואחרונים ברייגגען דעם מנהג פון אויפשטעהן אין דער פריה פאַרטאָג, דאַן איז עת רצון לה' *).

מיט 25 יאָהר פריהער האָט מען אין פיעלע שוהלען געזאָגט [illegible]

*) הרוקח, ר"ז. „מנהג לעמוד בהשכמה ולהתפלל סליחות" „שבלי הלקט" תשב"ץ. הר"ן פ"א דר"ה. „אבל בכ"ה באלול תחלת בריאת העולם הוא. ולכך נהגו בברצולונה ובגלילותיה להשכים באשמורות הבוקר בכ"ה באלול" הראי"ז. „ומפני זה נהגי להשכים בלילות באותם הימים ולהרבות בתפלה ותחנונים" הטו"ר. „ומנהג אשכנז כשחל ר"ה ביום ה' או בשבת אז מתחיל ביום ראשון שלפניו לעמוד באשמורות הבוקר ואומרים סליחות ותחנונים ורוב צבור מתענין ומתפללין תפלת תענית" (ט"ר או"ח תקפ"א).

*) וכן דעת גדולי האחרונים, מנהגים, הרא"ק, מהרי"ל, הב"י והרמ"א בשו"ע או"ח בס' תקפ"א. מטה משה, תלמיד מהרש"ל, בינה לעתים, דרוש נ"ו. „וסבר נתייחדה השכמת הבוקר בכל חודש להרבות בתחנונים לכונה זו. ולבקש מלפניו יתברך חנינת הכפרה על חטאתינו כי רבו. אשר היא באמת שעה רצויה מאד כנודע". מגן אברהם, מטה אפרים, (בס' תקפ"א, סי"א). „וזמן אמירות הסליחות הוא סוף הלילה סמוך לאור הבוקר". החיי אדם, וקיצור שו"ע. והמחבר ספר קהלת שלמה. הנובר. ר"ח אלול. „והמנהג הוא לעמוד לסליחות במוצאי שבת שלפני ר"ה קודם עלות השחר". ע"ש כולם בפה אחד אמרו דזמן סליחות הוא בהשכמת הבוקר. ולא חצות לילה. (12 אוהר בייא נאַכט),

אין דער פריה פֿאַרטאָג סליחות, מיט דער אויסנאַמע פֿון אייניגע „מנינים“ אויסגעוואַקסען אין גרויסע שוהלען, האָבען אראָפּגע־בראַכט גרויסע חזנים מיט כאָהרס... האָט מען אויסגעפֿונען א נייעם „סקים“ ווי צו מאַכען געלד פֿון „אידישע טרעהרען“ און מען האָט גענומען „סליחות“ אויף טיקעטס זאָגען... 25 און 50 סענט אַ טיקעט, און מען האָט געמאַכט געלד... דעם נעכסטען יאָהר האָבען שוין געמאַכט אייניגע שוהלען די ביזנעס און מען האָט שוין אַד־ווערטייזט דורך סירקולאַרען סליחות 12 אוהר ביינאַכט — 25 סענט אַ טיקעט פֿאַר מענער און 10 סענט פֿאַר פֿרויען.. און דער גייסט פֿון ביזנעס האָט געבראָכען אַלע שוהלען צו זאָגען סליחות 12 אוהר ביינאַכט, דאמיט איז מיט דער צייט פֿארשוואונדען געוואָ־רען איינער פֿון די הייליגסטע „מנהגים“ אין דעם אידישען פֿאָלק זייט הונדערטער יאָהרען. און נאָך אַ זאַך, ווען מען האָט געזאָגט סליחות אין דער פריה איז „מצוה גוררת מצוה“ האָבען דער גאַנצער עולם גלייך געדאַווענט תפלה בציבור, אין טלית און תפילין און מען האָט פֿאַרבראַכט אין שוהל אין תורה ועבודת ה׳. אין דער פריה, דעם ערשטען טאָג סליחות, אָבער היינט, ווען מען זאָגט ביי נאַכט און מען געהט שלאָפֿען 3־4 אוהר פֿאַרטאָג, פֿאַרשלאָפֿען טויזענדער אידען תפילות שחרית, תפילה בציבור, און מאַנכע דענ־קען, דאָס זיי זיינען פּטור פֿון תפלה, תפילין און ציצית, ווייל זיי פֿאָהרען גלייך אין דער פריה אויף „קבר אבות“ און עס שטעהט „במתים חפשי“... טויטע זיינען פֿריי פֿון מצות... דאָס אַלעס איז דער רעזולטאַט פֿון אונזערע „ראשי האבות“ רבנים, מגידים, דרשנים, מטיפים, וועלע האָבען ניט דעם מוטה און שטאַרקייט צו ערקלעהרען דעם פֿאָלק, אויב מיר זאָגען סליחות אלס „מנהג ישראל תורה היא *) דאַרפֿען מיר אומקעהרען צוריק דעם „מנהג“ צו זאָגען

*) הרב ר׳ אברהם הירחי בעהמ״ח ספר „המנהג“ כתב בשו״ת נדפס „בגנזי ירושלים“ ע״י ווערטהיימער, וב״ל. ואמרינן במדרש שמע בני מוסר אביך, אלו דברי קבלה, ואל תטוש תורת אמך, אלו המנהגות שנהגו העם“ — עכ״ל, וכן כתב הרב הגאון הגדול אשר האיר עיני הגולה, בספרו היקר „תוספות יום טוב“ על משניות, ומעדני יום טוב, על הרא״ש. וספר „מלבושי יום טוב“. על לבוש אורח חיים. כתב בסימן תרנ״א וז״ל — ואשר כתב מדרך הסוד אם כי לא עמדתי בסוד

אין דער צייט ווען אונזערע אבות העולם האבען באשטימט אלס „עת רצון לה׳" און דאס זאגט ירמיה הנביא : קומי רוני בלילה, שטעה אויף מיין פאלק ישראל ביי נאכט, לראש אשמורות, דאס הייסט פארטאג, און ערוואַרטעט דעם פריה מארגען, שפכי כמים לבך, פאר־גיסען טרעהרען, „ריינע טרעהרען" אזוי ריין ווי וואסער.. ניט גע־מישט מיט בראנפען... אדער טרעהרען, וואס וויינען אויף די הונדערטע דאלארס וואס דער חזן נעהמט... וואס זאלט איהר וויי־נען ? נכח פני ה׳ דער עיקר זאלט איהר וויינען אויף גלות השכינה, די תורה ברענט, דער שבת פארשוועכט, די ימים טובים וואכענדיג, דער פאמיליען לעבען פאראומרייניגט און דאס פאלק צוריסען און צושפרייט אויף אלע וועלט־טהיילען, און דאן שאי אליו כפיך.

ה׳ ודעת קדושים לא אדע. — ועוד אני אומר כי לעשות כוונים למלכת שמים וסודו נקל הוא לעומדים לפני ה׳ כי הבחינות מתרבות עד אין תכלית. אך האדם ישים עיקר לקבלתינו ולמנהג כל ישראל ואחריו יקום לדעת מוצא דבר בגלוי ובסתר אם יגע ימצא. אבל להפך המנהג והקבלה הנמשכת בכל תפוצות ישראל מפני הסברא שיסבור עפ"י הסוד, אין זה בלא ספק. ופירוש מאמר כל פינות בארנוהו למעלה וכיון שאין זותר ממאמר חז"ל שוב אין אנו משגיחין במה שיסבור האדם סברות בדרך הסוד. כי נעלם מעין כל ואלו יאמר האומר מדרך הסוד ולקיים מנהגו ולא לסתור. אך ליסדו ולקיימו או להוסיף צדק באמרי פיו אז נשמע לו באהבה רבה ותשואת חן חן. אבל לסתור זה אינו ואין לקרות שומר פתאים על המתפתים אחרי קבלת ומנהג אבותיהם בידיהם. ב"ש שיש לו לעשות לפני ולפנים, וכמו שכתבתי, ואם אני מצאתי און מה יעשה בעל כנפים כשיעוף בשמים יגיד דבר. — והכלל כי המנהג שיש לו עיקר וישוב ונשפשט בישראל הגדולים עם הקטנים אין לתלות בו חבלים ולעקרו ולשרשו. רק אם ידינו מגעת, עלינו להודות בחכמת אבותינו ובמיעוט שכלנו אם לא שמבורר הטעות, אבל בכאן אין בירור לטעות אך יתיישב יפה, כשמו כן הוא. עכ"ל הגאון ז"ל. א"כ המנהג שנהגו לאמר סליחות קודם אור היום באשמורות הבקר יש לו עיקר מן הגמרא ע"ז. ונשפשט המנהג ע"י גדולי הדור בכל תפוצות ישראל, בספרד, ובצרפת, ובאשכנז, ופולין, וליטא, ורוסלאנד. אפילו אם יבא כל הרוחות שבעולם אינו יכול לעקרו ושרשו וד"ל.

הויבט אויף אייערע הענט און טהוט היליגע ארבייט פאר אייער פאָלק, על נפש עוליך, אויף די קליינע עופה׳לעך וועלכע געהען אוים פון הונגער אין די סטריטען, און האָבען ניט קיין פלאץ וואו צו שטאַרבען אין אַ הויז... העטופים ברעב בראש כל חוצות, העלפט רעטען אונזערע מיליאָנען ברידער פון הונגער טויט ! וואו נעהמט מען היינט אַ ישעיה ? א ירמיהו הנביא ! צו שילדערען דעם אונ־גליק פון אונזער פאָלק און מיר דוכט זיך דאָס דער גרויסער פראָ־פעט ישעיה בן אמוץ שטעהט היינט פאַר מיר און מאָהלט א צייט־בילד פון דעם יעצטיגען חורבן ישראל, און ער זאָגט : „אין מנהל לה מכל בנים ילדה“ (ישעיה, נ״א). און ווען עס שטעהט אויף אַ מאָהל אַ „פיהרער מיט אַ פּלאַן, איז ניטאָ ווער עס זאָל שטיצען דעם פּלאַן דורכצופיהרען אין לעבען. די מיליאָנערען און אַ סימילאַטאָ־רען קעמפּפען געגען די פרייהייט פון פאָלק, שתים הנה קוראותיך, מי ינוד לך, צוויי אונגליקען האָט דיר געטראָפען מיין פאָלק, עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דיר שיינקען א קרעכץ... אָדער דערמאָנען ווי אַנדערע לענדער, בעלגיען, סערביען, רומעניען, פוילען, אוקראיי־נא, אראבער, פיר אַלעמען איז די סימפּאַטיע...

השד והשבר והרעב והחרב מי אנחמך?!

פערוויסט, צובראָכען... שווערד און הונגער... ווען קען דיר טרייס־טען מיין פאָלק ? אויב יענע פעלקער האָבען געליטען עטוואָס בע־צאָלט מען זיי מיט „פרייהייט“, אָבער דאָס אידישע פאָלק וועלכע האָט געגעבען א מיליאָן סאָלדאַטען אויפ׳ן שלאכט־פעלד, און מיליאָנען אידען צורינירט, ווער בעצאָלט זיי פאַר זייערע טייכען בלוט ? השד והשבר, והחרב והרעב מי אנחמך ? ווער קען דיר דיר טרייסטען ? בניך עלפו שכבו בראש כל חוצות. דיינע קינדער ליגען פערחלשט, פאַר׳חלש׳ט, פאַרשמאַכט, אויף די ברעגעס פון די סטריטען, כתור מכמר, אריינגעפאלען אין נעץ ביי די הוליגאַנעס, ביי די פוילישע רויבערס, און ביי די אוקראאינער גזלנים. המלאים חמת ה׳ גערת אלהיך : וואָס איז פול אויסגעגאָסען גאָטעס צאָרען אויף דעם אידישען פאָלק, דארפען מיר האָבען אַ שטאַרקערען בילד פון היינטיגען חורבן ישראל ?

און יעצט היליגע אידען, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, אפעליר איך צו אייך מיט מיין פייערדיגע נשמה צו טהאָן פיר אונ־

זערע ברידער און העלפען מיט ראטה און טהאט. ווי אויך צו אלע פרעזידענטען פון פערשידענע שוהלען, וועלכע שטעהן היינט אין שוהל, זיי זאלען העלפען רעטען אונזער פאלק פון הונגער־טויט, און דער זכות פון צדקה און תפילות וועט השי״ת אנשרייבען א גוט יאהר, שנת חיים ושלום שנת גאולה וישועה, במהרה בימינו אמן. חיים יחיאל אשרי.

דרוש לר״ה קודם מוסף, תרע״ח

היום הרת עולם, היום יעמוד במשפט כל יצורי עולמים, ועל המדינות בו יאמר, איזה לחרב ואיזה לשלום, ובריות בו יפקדו להזכירם לחיים ולמות, מי לא נפקד בהיום הזה.

א.

היינטיגער טאג ציטערט דיא וועלט. היינט ווערען גע׳משפט דיא גאנצע מענשהייט. דער שיקזאל פון פעלקער און נאציאנען ווערט היינט באשלאסען. וואסער נאציאן זאל אריין אין קריעג מיט׳ן שווערד... און וואסער נאציאן זאל לעבען אין פרידען.. וואסער פאלק זאל האבען א הונגער. און וואסער פאלק זאל האבען זאט ברויט.. און דיא גאנצע מענשהייט ווערען אין דעם הייליגען טאג דערמאנט, ווער עס זאל לעבען... און ווער חו״ש זאל שטארבען... וועלכער מענש ווערט ניט צוציטערט פיר דעם היינטיגען טאג אין וועלכעם עס ווערט בעשטימט דער שיקזאל פון לעבען און טויט. און ארעם און רייך. לאנגע יאהרען און קורצע יאהרען. דער גאנצער „ונתנה תוקף“ וועלכער ווערט דורכגעפיהרט מיט א שטארקע האנד פינקטליך צו דער צייט...

ב.

ווען מיר בעטראכטען די וועלט פאסירונג פון דער מלחמה, זעהן מיר אט די „השגחה“ די גרויסע קראפט, וועלכע גיט דיא ארדערס, ווען יעדער פאלק זאל אריין אין קריעג... ווער פריהער, ווער שפעטער. ווער עס זאל ארויס דער זיגער.. און ווער דער בעזיגטער... וועלכע טיראנען זאלען פאלען... און ווען מיר זאגען :

„מי בחרב, ומי בחיה". אמאָהל האָט דאָס געהייסען צוויי מיתות. ווער פון שווערד... ווער פון חיות רעות.. זאָל ווערען צוריסען צופליקט... אָבער היינט איז דאָס צוזאַמען.. פריהער ווערען דיא סאָלדאַטען דערשאָסען, דערשטאָכען, מיט'ן שווערד... און בלייבען ליגען אויפ'ן „שלאַכט־פעלד". און דאַן קומען חיות רעות, וועלף, הינד, אדלערס און ראַטשען, מייז... און עסען אויף דיא טויטע קערפערס, וועלכע וואַלגערען זיך אויפ'ן פעלד. — „מי באש ומי במים" אמאָהל איז דאָס געוועזען ביי פער־שידענע מענשען מיט פערשידענע טויטען... אָבער היינט ביי דיא זעלבע מענשען אַלעס צוזאַמען... סקילה, שרפה, הרג וחנק, מי יוכל לשערה... אָט פאָהרט אַ שיף מיט טויזענדער סאָלדאַטען איבער'ן ים. און פלוצלינג אַ קראַך.. די שיף צובראָכען, די קעסלען פלאַצען, מענשען ווערען פערברענט, נע'הרג'ט, צוריסען גלידערווייז, און דערטרונקען אין ים... „מי ברעש ומי במגפה". וואָס פאַר א רעש דאָס האָט געמאַכט אין דער וועלט און א חורבן פון די גאַנצע מענשהייט. וויא פיעל בלומען זיינען אויסגעריסען געוואָרען פון לעבענס־גאָרטען.... אין דער צייט ווען אונזערע גע־דאַנקען און טרעהרען זיינען געוועזען פערנומען מיט'ן שווערד, האָבען מיר בעקומען אַ גרעסערען טויט־קלאַפּ פון דער „מגפה", וועלכע האָט אַוועקגעריסען דיא וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון שווערד...

ג.

פון וואַנעט קומט אויף דער וועלט אַ „מגפה?" און וויא קען מען היילען דיא קראַנקהייט. דאָס האָבען נאָך ניט ערקלעהרט דיא גרעסטע פּראָפעסאָרען, דאָקטוירים פון דער וועלט. אין דער צייט וואָס אונזערע חז"ל האָבען ערקלעהרט דיא אורזאַכע פון דער קראַנקהייט און די הילפע פון דעם. (אבות, פ"ה). דבר בא לעולם. על־מיתות האמורות בתורה שלא נמסרו לב"ד ועל־פירות שביעית; בארבע פרקים הדבר מתרבה. ע"ש ובמוצאי החג שבכל שנה ושנה מפני גזל מתנות עניים. דער הייליגער תנא האָט ערקלעהרט די אורזאַכע פיר וואָס קומט אַ „דבר" מגפה. ווען עס קומט פאַר פערברעכענס, און וועלכע ב"ד קע־נען ניט געבען קיין טויט אורטהייל צוליעב געוויסע אורזאַכען,.. און

דער פערברעכער געהט ארויס פראנק און פריי... און בפרט אין די היינטיגע געזעלשאפט וואו גרויסע פערברעכער געהען ארויס פריי צוליעב טעכנישע קונצען פון די לאיערס... קענען ניט דער דזשאדזש און דיא דזשורי פעראורטהיילען... דאן קומט א „מגפה" און נעהמט דיא גערעכטיגקייט אין איהרע הענד.. און אויף דעם פערברעכען פון דיא בעלי בתים, דיא פארמערס, וועלכע דארפען לאזען דיא פירות פון דעם זיבעטען יאהר פיר די „ארעמע לייט" און זיי בעהאלטען דאס פיר זיי און רויבען אוועק דעם לעבען פון די „ארעמע לייט", וועלכע שטארבען פון הונגער... דאס איז פון „שרפה" עס ווערט פערברענט... דער מאגען, פון הונגער, דאריבער קומט א „מגפה". וועלכעס צינדט אן די בלוטען אין דעם קערפער און דער מענש ווערט פערברענט... דאס איז געגען דעם וואס איהר פערברענט דעם ארעמאן און ער שטארבט פון הונגער... אט דאפיר קומט נור אין דיא צייט פון נאך סוכות „ובמוצאי החג".. וייל אין דער צייט נעהמט מען אראפ פון דיא פעלדער... איז דיא צייט פון געבען מעשר, לקט, שכחה ופאה, א. ז. וו. און ווען איהר גיט ניט אוועק צו דיא „ארעמע לייט" קומט א „מגפה" אויף דער וועלט. אט אזוי ערקלעהרען אונז דיא הייליגע חז"ל. און דיא רפואה איז צו געבען מעשר דיא „ארעמע לייט" און ניט דיא דאקטוירים... וד"ל.

ד

און יעצט, מיינע הייליגע ברידער און שוועסטער, איהר זייט געקומען בעטען א גוט יאהר, געזונד און פרנסה נ ד י ב י ע מ י ם נ א ס פ ו. ע ם א ל ה י א ב ר ה ם. ווען איהר ווילט האבען א געזונדען יאהר און פערהיטען א „מגפה" גיט אפ דיא „מעשר" פון אייערע פראפיטען, דאס הייסט. ווען איינער פערדינט — 10 — דאלאר א וואך, הייסט 1 דאלאר מעשר פיר'ן פאלק, פון 20 דאלאר 2. פון 50 אלאר 5 דאלאר. פון 100 דאלאר 10 דאלאר מעשר. פון 10,000 דאלאר 1000 דאלאר, און פון 100 טויזענד דאלאר איז 10 טויזענד דאלאר מעשר, און פון א מיליאן דאלאר הייסט 100 טויזענט דאלאר „מעשר". האט איהר אוועק־ געגעבען אייער „מעשר" צום פאלק? אין דער צייט וואס א העלפט פון אונזערע ברידער שטארבען פון הונגער און ווערען פערברענט... איך וויים פיעלע וועלכע פערמעגען פון 50 ביז 100 טויזענד דאלאר

און שעהמען זיך ניט צו געבען 5 אדער 10 דאלאר פיר'ן „רעליעף פאנד" אין דער צייט וואס זייער „מעשר" איז פון 5 ביז 10 טויזענט דאלאר. גיט אפ אייער „מעשר", „גזלת מתנות עניים". אט דאס איז דיא רפואה געגען „מגפה". און דער זכות פון תשובה, תפלה, צדקה, וועט השי"ת אנשרייבען א גוט יאהר שנת חיים ושלום, שנת גאולה וישועה, במהרה בימינו אמן.

חיים יחיאל אשרי.

דרוש לר"ה קודם מוסף, תרע"ח

עוד יזכר לנו אהבת איתן אדוננו, ובבן הנעקד ישבית מדייננו, ובזכות התם יוציא איום לצדק דיננו, כי קדוש היום לאדוננו: באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט, וצדקנו במשפט, המלך המשפט, האוחז ביד מדת משפט. (תפלות מוסף, ר"ה)

דער פייטן דערמאנט דעם זכות פון דריי אבות.

א ב ר ה ם. דער ערשטער איד, וועלכער האט ערקלעהרט גאטהייט אויף דער וועלט. אברהם אבינו האט געוויזען דער וועלט דיא שטארקע ליבע צו השם יתברך, דאמיט וואס ער האט פערפלאנצט אין זיינע קינדער אהבת ה' און טהאן גערעכטיגקייט צו די מענשהייט, און געבען עססען, טרינקען און בעגלייטען דעם פרעמדען אורח. ו י ט ע א ש " ל. דאס דערמאנען מיר היינט זיין זכות. ז כ ו ר ב ר י ת א ב ר ה ם ו ע ק י ד ת י צ ח ק, דער זוהן יצחק, וועלכער האט געוויזען דעם העכסטען פונקט פון „מסירת נפש" מיטגעגאנגען מיט'ן פאטער צום „הר המוריה" נעגאנגען צו דער „שחיטה" „מיט שמחה". דער פאטער און קינד ביידע צוזאמען געגאנגען — ו י ל כ ו ש נ י ה ם י ח ד י ו — (בלב שוה, רש"י) מיט גלייכע הערצער האבען זיך פעראייניגט פאטער און קינד... אויך היינט זעהן מיר דאס דער פאטער און קינד געהן צוזאמען געבונדען אין קייטען צו דער „שחיטה"... נור דארטען איז געקומען א מלאך... און געסטאפט די „שחיטה" אַל־תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל־הַנַּעַר... וְאַל־תַּעַשׂ לוֹ

מ א ו מ ה... און היינט זעהן דיא גאנצע וועלט וויא מען פיהרט א גאנצען פאלק צו דער „שחיטה", און עס איז שוין 4 יאהר צייט, און קיין „מלאך הגואל" איז נאך ניט געקומען און געזאגט דעם ווארט צו סטאפען דיא שחיטות און פאגראמען...

מיר דערמאנען דעם זכות פון „עקידת יצחק"... ו ב ז כ ו ת ה ת ם. מיר דערמאנען דעם זכות פון יעקב אבינו. צוויי שטריכען אין יעקב'ס לעבען. א) א ם ל ב ן ג ר ת י. (ותרי"ג מצות שמרתי, רש"י). דאס טראצדעם וואס ער איז געוועזען אין אזא פלאטץ וויא ביי „לבן הארמי". ניט קיין טאג, פערברענט פון היטץ... און קיין נאכט געשלאפען אין דיא קעלט ביי נאכט, און געדינט 14 יאהר פיר זיינע טעכטער, אונטער אזעלכע אומשטענדען... און געקעמפפט און געבליבען א איד! — א ם ל ב ן ג ר ת י! — ב) דער צווייטער פונקט. ווען יעקב האט צוגעזאגט צו געבען „מעשר" פון אלעם וואס השי"ת וועט איהם געבען — ו כ ל א ש ר ת ת ן ל י ע ש ר ע ש ר נ ו ל ך. היינט איז א פראגע, ווי קענען מיר קומען און פערלאנגען דעם זכות פון יעקב'ן? ווען מיר זיינען ווייט פון ביידע זאכען פון איהם... ווען איהר פרעגט א אידען, וואר ער היט ניט קיין „אידישקייט" שבת, יום טוב, כשרות, א. ז. וו. ענטפערט ער דיא אומשטענדען פון לאנד... האט איהר שווערערע אומשטענדען וויא יעקב ביי „לבן הארמי"? און וואו איז אייער „מעשר"? דער „ארעמער ארבייטער"... מיט זיינע קינדער האבען דאך פערדינט פון 150 ביז 200 דאלאר א וואך, איז דאך 20 דאלאר „מעשר", האט איהר שוין אוועקגעגעבען דעם פאלק? מיט וואס פיר א מוטה מיר קומען בעטען היינט דעם זכות פון יעקב אבינו. „ובזכות התם"? ווען דאס איז א קטיגור פיר אונז?

אויף דעם ענטפערט דער פייטן — כ י ק ד ו ש ה י ו ם ל א ד ו נ נ ו. היינט קענען מיר בעטען דעם זכות פון אונזער פאטער יעקב, ווייל מיר האבען ביידע זאכען. א) ערשטענס, טראצדעם וואס מיר זיינען אין אזא לאנד, פרייהייט, און מיר האבען ניט קיינע פאליסלייט צו צווינגען צו קומען אין שוהל אפילו ר"ה ויכ"פ. און עס קומען צונויף טויזענדער אידען, אלע פון דיא קאנטרי שטעדט. מען פערלאסט ביזנעס, געשעפט, ביינק, 2 טעג ר"ה, שבת שובה און זאנטאג. 4 טעג האלטען אין אמעריקא געשלא־

סען ביזנעס... עס איז שטיל, הייליג — כ י ק ד ו ש ה י ו ם ל א ד ו נ נ ו ! — ב) דער צווייטער פונקט איז : מיר גיבען צדקה, פיר עליות, פיר פתיחות, פיר'ן „רעליף פאנד", מיר גיבען „מעשר מן המעשר"... דארום קומען מיר היינט בעטען דעם זכות פון יעקב. „ובזכות התם", ווייל — כי קדוש היום לאדוננו.

ב.

באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט

מיר ווילען דאס ערקלעהרען מיט א משל. ווען איינער האט א טרייעל אין „קרימינאל קאורט" ווענען א „מארד־קייס", ער טרייעט צו בעקומען א לאיער, דעם גרעסטען זשעני מיט פייהיג־קייטען ער זאל איהם קענען פארטהיידיגען אין דעם טאג פון משפט. דאס הייסט א מליץ טוב, פיר איהם, און די קאורט האט איהר מאן, וועלכער הייסט „דיסטריקט אטוירני" אדער „סטייטס אטוירני" און ווען דיא „קייס" איז ווענען אן אלגעמיינע זאך וואס האט צו טהאן מיט'ן גאנצען לאנד, דאן הייסט ער דער „רזשענע־ראל אטוירניע, דער איז פיר'ן לאנד, סטייטס און דיסטריקט קייס, צו היטען דאס דער פערברעכער זאל בעקומען זיין שטראף לויט געזעצע פון לאנד. ווען עס קומט דער טאג פון משפט און דער לאיער וואס פערטהיידיגט איהם זעהט, אז אלעס איז פערלארען, ווייל דער „סטייטס אטוירניע" האט איהם צוקלאפט זיין גאנצע ארבייט און האט אויפגעוויזען מיט פאקטען, אז ער איז דער מערדער און דער מארד איז געוועזען מיט א קלאהרען פערשטאנד... דען ווען דער לאיער איז א עהרען־מאן מוז ער זאגען צו זיין מערדער דא אין קאורט בינסטו פערלארען, ווייל דא מוזען מיר נאכקומען דעם געז־זעץ פון בוך... דיא איינציגע זאך איז ארויסנעהמען די „קייס" פון „קאורט" און געהן דירעקט צום פרעזידענט און מאכען א שטארקען אפיעל. דען ער, דער פרעזידענט האט דיא קראפט צו פארגעבען און מאכען א פארדאן... ווען ער געפינט געוויסע אורזאכען דאס צו טהאן... אבער דא איז דיא קייס פערלארען...

דאס זעלבע איז היינט מיט אונז, ביים גרויסען משפט פון וועלכע עס דארף ענטשיידען ווערען פון לעבען און טויט מיר מיט

מיין פאמיליע, א יאהר פרנסה, וואס טהוען אונזערע ברידער מען נעהמט א גרויסען לאיער, דאס הייסט, א וועלט־בעריהמטען חזן, מיט א שטארקע שטימע... און א קאהר מיט 18 משוררים וואס קאסט 2 טויזענד דאלאר און מען שטעלט איהם אוועק ביים עמוד אלס ש"ץ, א „מליץ טוב" פיר 2 טויזענד דאלאר, און זאל מיט זיין שטימע שרייען און אויסבעטען א גוט יאהר פיר זיין „קהלה". און ווער איז דער „סטייטס אטוירניע", וועלכער פערטרעט דיא תורה הק', דעם שבת, כשרות, טהרת המשפחה. מיט אייןווארט, פיר דיא געזעצע פון די תורה הק'? דאס איז דער „מגיד" ער האלט דעם שו"ע און שרייט גערעכטיגקייט מוז געטאהן ווערען, לויט ווי די תורה שרייבט פאר און מוזען שטריינג בעשטראפט ווערען די וואס האבען געטאן פערברעכענס א גאנץ יאהר. — און עס איז א שווערער „קאמפף" צווישען „חזן" און „מגיד". אבער, ווען דער „חזן" זעהט, אז דיא „קיים" איז דא פערלארען, ווייל טראצדעם מיט זיין שטארקע שטימע שטעהט איהם געגען א מאן, וועלכער רעדט שוין 35 יאהר פאר'ן פאלק, און צוקלאפט איהם זיינע גאנצע ארבייט מיט זיינע ארגומענטען... דאן מוז ער זאגען דיא „קהלה", אז דיא „קיים" איז פערלארען... און דיא „קהלה" מוז אפעלירען דיא „קיים" העכער, בעטען אליין ביי השי"ת א גוט יאהר, ער קען מוחל זיין דיא פערברעכענס. אבער ניט דער חזן... און נאך א פונקט. דארט איז דער לאיער ריין פון דעם פערברעכען... און קען זיין גאנצע ארבייט טהאן פיר יענעם, אין דער צייט דאס דא... איז דער חזן... ביזי מיט זיך... אליין א קאסטאמער פון 25 „על־חטא'ס" — און דארף זיך פערטהיידיגען... און דיא פרוי און קינדער, וכפר בעדו ובעד ביתו, ובעד כל קהל עדת ישראל: פריהער זיך.. און נאכהער קומט פרוי און קינדער... דאן קומט „קהל" דיא דריטע ליין... עס איז פאלג מיר א גאנג! געה ווארט אויף אזא ש"ץ... א מליץ טוב! — אט דאס זאגט דער פייטון, —

באין מליץ יושר מול מגיד פשע. ווען דער „מגיד" איז שטארקער וויא דער חזן... דאן זאג דעם פאלק וואס ער האט צו טהאן, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט! ווען איהר ווילט אויסבעטען א גוט יאהר און אייער תפלה זאל ווערען אנגענומען, דאן מוזט איהר אליין דאווגען, ניט דער חזן... זאל

דאַוונען פיר אייך און איהר געהט אַרום אין סטריטען... וצדקנו במשפט, המלך המשפט האוחז ביד מדת משפט! השי"ת אליין קען אייך מוחל זיין און געבען א גוט יאָהר, א שנת חיים ושלום, שנת גאולה וישועה, במהרה בימינו אמן.

דרוש ליום ראשון של ר"ה תרע"ח

בראש השנה נפקדה שרה, רחל וחנה. (ר"ה, י"א)

א

אין דעם סדר היום פון דיא קריאה און מפטיר פון ר"ה שפי־לען אַ גרויסע ראָללע דיא פיגורען פון דריי פרויען, שרה, רחל וחנה. ווי מיר פערשטעהן, האָבען דיא „אנשי כנסת הגדולה" געהאַט אַ ווייטען בליק אין דער צוקונפט, און וויסענדיג דאָס עס וועט זיין אַזאַ צייט ביי אידען, דאָס מען וועט קומען אין שוהל נור דריי טעג אין יאָהר. ר"ה וי"כ. האָבען זיי צוגעפּאַסט דיא „קריאה" מיט דיא „הפטרה" צו איינע פון דיא וויכטיגע לעבענס פראַגען פון אידישען פאָלק. אין דעם טאָג ר"ה קומען צוזאַמען מענער און פרויען הערען „שופר בלאָזען" זאָלען זיי לערנען וואָס הייסען אידישע מוטערס זייערע פפליכט צו קינדער, און צו זייער פאָלק.

שרה.

דיא ערשטע אידישע מוטער. אין פלוג פערשטעה איך ניט, דען שרה האָט ניט ארויסגעצייגט קיין נאַטור פון רחמנות. און געהייסען ארויסטרייבען הגר מיט איהר קינד, ישמעאל. דאָס איז געגען דעם כאַראַקטער פון אַ אידען וואָס דאַרפען זיין רחמנות צו די מענש־הייט — „ורחמיו על כל מעשיו". און דאָך פערנעהמט זי דעם ערש־טען פּלאַטץ אַלס אידישע מוטער. און ישעיה שטעלט פאַר דעם ערשטען פאָטער און מוטער אַלס „סימבאָל" זאָגט ער — „הביטו אל אברהם אביכם ואל־שרה תחוללכם" — איז דיא פראגע, אברהם ווייסען מיר, און זיין גאַנצען לעבען האָט ער געוויזען אַ מוסטער פון „זרע אברהם", אָבער אז שרה זאָל פערנעמען דעם ערשטען פּלאַטץ אַלס אידישע מוטער. און נאָך מעהר דיא „אנשי כנסת

הגדולה" האבען מסדר געוועזען דאס צו לייענען ר"ה אין דעם היי־ליגען טאג, און לערנען פון איהר וויא עס דארפען זיך פיהרען אי־דישע מאמעס. דאן איז דיא פראגע, וואו איז דאס דיא גרויסע לעהרע וואס שרה האט געצייגט פיר דיא וועלט ? און נאך מעהר בעמערקען די חז"ל, אז שרה איז געוועזן העכער אין נבואה ווי אברהם. מיר ווען געבען א קורצען איבערבליק אין דיא „קריאה" פון היינט, און ערקלעהרען וואו עס ליגט דיא גרויסקייט פון שרה. איהר וויטען קוק און בליק אין וויטער צוקונפט.

ב

ותרא שרה את בן הגר המצרית אשר ילדה לאברהם „מצחק". אויף דעם האט ר' עקיבא געזאגט. „מצחק" מיינט : ע"ז, ג"ע, ש"ד. האט ר' שמעון בן יוחאי געזאגט, חס ושלום שיהי בביתו של אותו צדיק מי שעשה כן. אלא אין יצחוק זה אלא ירושה. (מדרש רבה, בראשית כ"א) איז דאך א פראגע אויף דעם תנא ר' עקיבא, וויא אזוי קען ער זאגען אז דאס הייסט ע"ז, ג"ע און ש"ד ביי דעם צדיק אברהם אין זיין הויז ? און צווייטענס. דער פסוק זאגט בפירוש, אז דער קאמפף פון שרה'ן איז געוועזען איבער דער ירושה. ותאמר לאברהם גרש האמה הזאת ואת בנה, כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק, אלזא ווי מיר זעהן, דער קאמפף איז געוועזען איבער דיא ירושה. אבער ניט וואס יצחק האט זיך געשפיעלט מיט ישמעאל'ן אין ע"ז, ג"ע און שפיכת דמים ?

אויף דעם מוזען מיר ענטפערען אום ניט מאכען אז חז"ש ר' עקיבא האט ניט געזעהן דעם צווייטען פסוק, נור דא ליגט א גרויסע לעהרע פיר דער צוקונפט. ווען מיר זעהן אין אמעריקא אין „פאב־ליק סקוהל" קומען צוזאמען פערשידענע קינדער פון אלע ראסען און רעליגיאנען און שפילען זיך פערשידענע שפילען... דיא שפילען פון קינדער אין די יאהרען פון 6, 7, 10, 12 און 15 אין „באלל" און אנדערע סארט שפילען איז ניט געפעהרליך.... אבער ווען עס קומט אריין אין דיא יאהרען פון 18—20 — און דיא אידישע טאכטער הויבט אן שפילען מיט איטאליענער, איירישע, אמעריקאנער, און מען פאהרט אוועק אין קאנטרי זיך שפילען... אין וואלד, איז

פארק, אין פעלד, דער שפיעל איז שוין געפעהרליך... עס שמעקט מיט ע"ז, ג"ע, און צום לעצט „שפיכת דמים".. מען געפינט דיא טאכטער פארגיפטעט אדער טויט ! אט דאס איז דיא טראגעדיע פון דיא שעהנע שפילען... אבער אונזערע מאמעס האט ניט די אויגען צו זעהן ווייטער און פארשטעהן ניט אין אנפאנג שפיעל, וואס דער רעזולטאט וועט זיין פון שפיעל...

אט דאס דערציילט דיא תורה הק' פון שרה'ן. יצחק און ישמעאל זיינען געוועזען קינדער פון צוויי מאמעס, מיט בעזונדערע כאראקטערען, ה ג ר איז געוועזען א מצרית... פול מיט שמוטץ... אין איהרע בלוטען איז געוועזען ע"ז, ג"ע און שפיכת דמים, האט זי דאס אריינגעגעבען אין איהר קינד. א „פרא אדם" א „רובע קשת" א גזלן, א נואף, א געמבלער, שפילען אין פערד רייסעס... אלזא, דאס איז געוועזען דער קינד פון „הגר המצרית".. י צ ח ק איז געוועזען פון געבורט א „עולה תמימה" א קינד פון א מוטער א צדקניות, ש ר ה. ווען שרה האט בעמערקט מיט איהרע אפענע אייגען און ווייטען בליק. דעם שפיעל פון דיא קינדער, ישמעאל און איהר קינד יצחק, האט זיא געזאגט אברהם'ן, אז איהר געפעהלט ניט דער שפיעל.... ו ת ר א ש ר ה א ת ב ן ה ג ר ה מ צ ר י ת א ש ר י ל ד ה ל א ב ר ה ם מ צ ח ק : וואס ישמעאל איז א קינד פון „הגר המצרית" מיט שלעכטע זיטען, האט ער אריינגע־זוגען אין זיך... דאס איז געפעהרליך פיר מיין קינד יצחק, וועלכער איז א „עולה תמימה." אמת, היינט איז דער שפיעל א קינדער־שפיעל ניט געפעהרליך... אבער שפעטער וועט דער שפיעל קומען צו ע"ז, ג"ע און „שפיכת דמים"... און ישמעאל וועט מאכען מיין קינד פיר א געמבלער, שפיעלען אין „פערד רייסעס"... און זיי וועלען פערשפילען אונזער ארבייט פון גאנצען לעבען, און עס וועט שוין ניט זיין קיין „ירושה". כ י ל א י י ר ש א ת ב ן ה א מ ה ה ז א ת ע ם ב נ י ע ם י צ ח ק : דאס האט פערשטאנען שרה מיט איהרע אפענע אויגען און ווייטען בליק. אבער אברהם איז געוועזען דער פאטער פוןביידע קינדער האט ער דאס ניט בעמערקט מיט זיינע אויגען דעם שפיעל פון דיא קינדער... ו י ר ע ה ד ב ר מ א ד ב ע י נ י א ב ר הם על א ו ד ו ת ב נ ו : פארט א טאטע, זיין קינד, דאן האט השי"ת געזאגט צו אברהם: ו י א מ ר

אלהים אל אברהם. אל ירע בעיניך על־הנער ועל־אמתיך, כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, כי ביצחק יקרא לך זרע: דאָס הייסט, אז אין דער פּסיכאָלאָגיע פון קינדער שפּיעלען... פערשטעהט „שרה" מעהר און ווייטער פיר דיר... דער שפּיעל איז צו געפעהרליך פיר יצחק'ן, וועלכער ער איז דער עיקר קינד וואָס הייסט „זרע אברהם" איז נור יצחק, ניט ישמעאל, „כי ביצחק יקרא לך זרע".

והמשכיל יבין.

ג.

דער מוסר השכל פיר היינטיגע מאַמעס, וועלכע דאַרפען לער־נען פון אונזער מוטער שרה, צו האָבען אָפענע אויגען און אכטונג געבען אויף אונזערע קינדער, וואו זיי געהן און מיט וועמען זיי געהן ארום און שפּילען זיך צוזאמען ביז 3 אוהר פאַרטאָג... ווער זיינען די חברים און דיא חבירות אין וועמענס געזעלשאַפט זיי פערברייגנען זייערע יאָהרען וואָכען און טעג...

חנה

די צווייטע פיגור פון „הפטרה" שפּיעלט „חנה" מיט איהרע צניעות, מאָראַל און באשיידענהייט. דעם געבעט אויף אַ קינד, וועלכער זאָל זיין פון „זרע אנשים". ווי פיעל דינים לערענט דער תלמוד פון יעדען וואָרט וואָס חנה האָט געטאָן תפלה (ברכות. ל"א). זי האָט געבעטען און געוויינט, אַז השי"ת זאָל איהר געבען אַ קינד, וואָס זאָל זיין אַ שטאָלץ פיר'ן פאָלק און לערנען דעם פאָלק תורה ועבודת השם. ווען זי האָט תפלה געטאָהן, שטיל, גערעדט מיט'ן האַרצען... נור דיא ליפּען האָבען זיך בעוועגען... אָבער איהר שטי־מע האָט זי ניט געלאָזט הערען... און ווען זי האָט געבאָרען דעם קינד, האָט זי געהאַלטען ביי „עלי הכהן" דיא גאַנצע צייט ביז זיא האָט איהם אַנטוויינט, דאָס הייסט כ"ד חדשים. וחנה לא עלתה, כי אמרה לאישה עד יגמל הנער והביאותיו ונראה את פני ה' וישב שם עד עולם: (שמואל, א'). זי האָט איהם א נאָמען געגעבען „שמואל", ווייל זי האָט דאָס געליהען פון השי"ת. ותקרא שמו שמואל, כי מה' שאלתיו: און איך האָב איהם אוועקגעליהען צו השי"ת ער זאָל דינען דעם גאַנצען לעבען השי"ת

און זיין פאָלק תורה ועבודת השם. דאָס איז אין קורצען די שטריי־
כען פון „חנה“, וועלכע דיא „אנשי כנסת הגדולה“ האָבען איהר
אויסגעקליבען אלס איינע פון דיא אידישע מוטערס צו לערנען פון
איהר היינט אין דעם היילינגען טאָג ר“ה, ווען אונזערע מאַמעס
קומען בעטען אין שוהל פיר א גוט יאָהר, און פיר גוטע קינדער !...
יא, אידישע טעכטער ! איהר מוזט לערנען ווי צו זיין בצניעות און
שעהנע זיטען, בעשיידען און מאָראַליש און ניט אויפרייסען מיט
אייערע שטימען דעם אויער... פיר בלאָקען ווייט... עס זאָל זיין
מיט א אידישען חן... דאַן וועלען פילייכט אונזערע קינדער בלייי־
בען צוגעבונדען צו אונזער פאָלק אָבער ווען דיא מאַמעס זינגען...
און דיא קינדער שפּילען... טו וואָס פיר א דור קענען מיר ערוואַר־
טען ? ! והמשכיל יבין.

ד.

ר ח ל

דיא דריטע פיגור, וועלכע דיא „אנשי כנסת הגדולה“ האָבען
אויסגעקליבען צו לערנען פון איהר אין היילינגען טאָג ר“ה, איז אונ־
זער מוטער רחל, מיט איהר טרייהייט און איבערגעבענהייט צו איהר
שוועסטער „לאה“ מיט דעם שעהנעם חאַראַקטער וועלכע זי פער־
מאָגט. שילדערט דער „מדרש רבה“. (איכה, א׳) אין דער נאַכט פון
חורבן בית המקדש זיינען געקומען דיא אבות העולם אברהם, יצחק
ויעקב און קיינער האָט ניט עפּועלט ביי השי“ת צוריק צו קעהרען
דיא קינדער אין זייער לאַנד ארץ ישראל, ביז אונזער מוטער רחל
איז ארויף פאַר דעם רבש“ע, און האָט גענומען שילדערען די ליעבע
פון יעקב צו איהר... און איהר פאָטער „לבן“ האָט פארביטען דיא
שוועסטער לאה, איז זי געגאַנגען און האָט איהר איבערגעגעבען דיא
סימנים וואָס יעקב האָט אָבגעמאַכט מיט רחל׳ן. היינט ווען איך,
בין מעהר ניט וויא בלוט און פלייש, ערד און אש, האָב איך ניט
מקנא געוועזען פאר מיין „עהרע“ — און דוא בינסט דאָך „מלך
אל חי וקים“. וואָרום האָסטו קנאה פון דיא פרעמדע ע“ז וואָס איז
גאָר ניט.... און דערפאַר האָסטו געלאָזט הרג׳ענען, שעכטען, און
פאַרטרייבען דיא קינדער אין פרעמדע לענדער, און דיא גוים זאָלען
טהאָן מיט זיי וואָס זיי ווילען ? ? — אויף דעם האָט השי“ת גע־
ענטפערט, דאָס צוליעב דיר, ר ח ל, וועל איך אומקעהרען צוריק

דיא קינדער אין ארץ ישראל. „מיד נתגללה רחמיו של הקב"ה אמר בשבילך רחל אני מחזיר את ישראל למקומן. הה"ד (ירמיה, ל"א) כה אמר ה' קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה מאינה להנחם על בניה, כי איננה: כה אמר ה' מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה. כי יש שכר לפעולתיך נאום ה' ושבו בנים לגבולם: (פתיחתא דאיכה רבתי, בסימן כ"ד). די הויכע מאראלישע לעהרע נעהמען מיר ארויס פון אונזער מוטער ר ח ל. דאס מיר זאלען זיין טריי צו אונזערע שוועסטער און ברידער אין אלע גלות לענדער, וועלכע געפינען זיך אין אזא קריטישע לאגע און מיר זאלען אר־בייטען מיט טרייהייט און איבערגעבענהייט, און אמאהל פארבייגען אביסעל „עהרע" ווען עס קומט צו טהאן אזא הייליגע ארבייט צו העלפען מיליאנען ברידער פון ונטערגאנג. ב ר " ה נ פ ק ד ה ש ר ה, ר ח ל ו ח נ ה. ווען מיר דערמאנען היינט דעם זכות פון דיא דריי נעמען דארפען מיר לערנען פון זיי דעם ווייטען בליק און האבען אפענע אויגען און קוקען אויף דיא קינדער... פון „שרה", און זיין בעשיידען, צניעות און מיט א אידישען חן, ווי „חנה", און טרייהייט און איבערגעבענהייט צום פאלק, וויא די מוטער „רחל" און דעם זכות פון דיא אמהות, שרה רחל, וחנה וועט השי"ת אנ־שרייבען א גוט יאהר אויף אלע אידען, שנת החיים והשלום, אמן ואמן.

חיים יחיאל אשרי.

דרוש ליום שני ר"ה תרע"ח

ועקידת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור. (מוסף לר"ה)

א.

דיא עקידת יצחק וועלכע מיר דערמאנען אלע טאג אין דער פריה. צו שליחות ערב ר"ה ז כ ו ר ב ר י ת א ב ר ה ם ו ע ק י ד ת י צ ח ק. און היינט אין תפלת מוסף ר"ה דערמא־נען מיר דעם זכות פון „עקידת יצחק". ווען מיר בעטראכטען דיא געשיכטע פון אידישען פאלק, זעהן מיר, אז די דראמא פון „עקידת

יצחק" ווערט געשפיעלט אין אלע צייטען און אלע לענדער שוין 4 טויזענד יאהר פון „הר המוריה" ביז לעמבערג, פינסק, לידא א. ז. וו. אין דער צייט פון „עשרה הרוגי מלכות" ביז דיא בלוטיגע דראמע פון דיא מוטער חנה מיט איהרע 7 קינדער. ווען זי האט זיך געזעגענט מיט איהר קליינעם קינד, זאגט זי צום קינד. געה און זאג צו דיין פאטער אברהם ער האט געבראכט איין קינד צו דער עקידה און איך 7 קינדער. דיין קינד יצחק האט מען ארבגענומען א גאנצען פון מזבח, מיינע האט מען אלע 7 קינדער געשאכטען מיט שווערד. זיא, די מוטער, איז ארויף אויף'ן דאך און איז אראבגע־פאלען און געשטארבען, איז ארויס א שטימע פון הימעל. „אם הבנים שמחה" — (תהלים) איהר הערט א „שמחה", ווען מען האט אויסגעשאכטען איהרע 7 קינדער... ט א ט ע פ א ט ע ר ! אזא „שמחה" אויף אלע שונאי ישראל און טיראנען פון דער וועלט ! אין וואס איז בעשטאנען דיא פריידע פון דיא מוטער חנה ?

ב

אין „מדרש רבה" (איכה, ב) ווערט ערקלעהרט, אז דער קליי־נער קינד איז געוועזען 2־און א האלב יאהר. און ווען דיא מוטער האט געזעהן, אז מען פיהרט איהם קוילענען מיט'ן שווערד, האט זיא געבעטען א טובה פון טיראן... דאס ער זאל איהר פריהער הרג'ענען און נאכהער דעם קינד.. אום די מוטער זאל ניט זעהען מיט איהרע אויגען וויא מען קוילעט איהר קינד... אויף דעם האט דער טיראן געענטפערט, דאס אזא „טובה" קען ער ניט טהאן, עס איז נעגען די אידישע תורה, וועלכעס איז געשריבען — אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד".. (ויקרא) דאס איז דער העכסטער פונקט אין דער דראמע... איהר הערט ווערטער ! קוילענען, ברענען, שעכטען, שענדען אידישע טעכטער. צורייסען קליינע עופעלעך אין שטיקער.. אויפשניידען בייכער פון שוואנגערע פרויען... דאס איז ניט נעגען דיא אידישע תורה... דאס הייסט, רעליגיאן פון דער מענשהייט, ציוויליזאציאן און קולטור פון פרייע פעלקער... אבער ווען א פערצווייפעלטע מאמע בעט א „טובה" אז מען זאל איהר שעכטען פריהער וויא איהר קינד... דאס איז נעגען דיא „אידישע תורה".. אה ! ווילדע חיות רעות אין מענשען געשטאלט... היפאק־ריטען ! האט איהר שרייבערס און דראמאטורגען צו בעארבייטען

דעם פונקט פיר א שטאַרקע דראמע, וואו קינסטלער, אַרטיסטען, זאָלען מאַהלען פיר די וועלט ! די בלוטיגע דראמא פון דעם מאַר־טירער פאָלק. והמשכיל יבין.

ג.

ווען מיר בעטראַכטען טיעפער די דראמע האָט אין זיך איינע פון די גרעסטע העלדען אין די אידישע געשיכטע, די מוטער חנה האָט געגעבען א ערציהונג איהרע קינדער. און אלע קינדער זיינען געוועזען געלערענט אין תנ"ך, און זיינען געשטאָרבען אויף „קדוש השם" יעדער קינד מיט א פסוק אויף זיינע ליפּען און זיינען גע־גאַנגען צום טויט וויא העלדען איינער נאָכ'ן צווייטען... אָבער עס איז געקומען מיט דעם קליינעם קינד פון 2 יאָהר מיט 6 מאָנאַט. פיר דעם קינד האָט דיא מאַמע חנה מורא געהאַט. חו"ש אז דער קיסר מיט זיינע משרתים וועלען איהם איבעררעדען און ווען אַריבער צו א פרעמדען „גלויבען" ביי די „שונאי ישראל" אין לאַ־גער... דער געדאַנקען האָט דיא מוטער געבראַכט צו וואַהנזין און איז פערצווייפעלט געוואָרען און פערלאַנגט פון טיראַן א טובה... מען זאָל איהר פריהער שעכטען אום איהרע אויגען זאָלען ניט זעהן ווי איהר עופעלע געהט אריבער אין א פרעמדע רעליגיאָן און פאָלק. דער טיראַן האָט איהר ענטזאַגט דיא טובה.. דאַן קענען מיר פער־שטעהן די ליידען פון די מוטער אין דער צייט... אָבער ווען די מוטער האָט געזעהן דאָס איהר קליינער קינד... האָט אויסגעקליבען דעם טויט ! און געלאַכט אין פנים דעם קיסר... און איז געגאַנגען צום טויט וויא זיינע ברידער העלדען. דאָ איז דיא מוטער געוואָרען ווילד פון פריידען... און געזאָגט דאָס דער ציעל אין לעבען איז פערטיג !.. איהר קינד איז געבליבען טריי צו דיא אידישע „אמונה". דאַן איז זיא ארויף אויפ'ן דאַך און אַראָבגעפאַלען און געשטאָרבען. דאָס פאָלק האָט געדיינקט, אַז דאָס איז א טהאט פון משוגעת... אָבער דער „בת קול" פון הימעל האָט בעשטעטיגט דאָס איז געווען פון „שמחה" וואָס איהר עופעלע איז געבליבען א „אידישער העלד". יצא בת קול ואמרה. „אם הבנים שמחה". והמשכיל יבין.

ד

אָבער ווען מיר בעטראַכטען דיא היינטיגע „עקידת יצחק" פון דיא קאַרפּאַטען בערג, ביז'ן קאַלטען סיביר, וועלכעס ווערט שוין

געשפּיעלט העכער 4 יאָהר צייט, וויא מען בינדט אין קייטען אונזערע ברידער און מען פיהרט צום שלאַכט־פעלד אויפ'ן מזבח פון דער מלחמה... און קעמפּפען פיר אַנדערע פעלקער, אין מאַנכע ערטער זיינען געשטאַנען ברידער געגען ברידער, טאַטעס שוואָגערס א. ז. וו. זיי האָבען מיט זייערע לעבענס בעפרייט פּוילען, אוקראַינא און אַ שטאַרקע „רומעניען" אויף וואָס האָבען זיי אוועקגעגעבען זייערע יונגע לעבענס ?... די מוטער „חנה" איז געוועזען שטאָלץ מיט איה־רע קינדער וואָס זיינען געשטאָרבען אויף „קדוש השם" און זיי זיי־נען אריין אין דער געשיכטע אלס „גבורי ישראל" קדושים וטהורים שמסרו נפשם על קדושת השם". אין דער צייט וואָס אונזערע מאַמעס אין רוסלאַנד, פּוילען, אוקראַי־נא, קענען דאָס ניט זאָגען. דאָס זיינען ניט „אידישע העלדען" ניט פיר אונזער רעליגיאָן און פאָלק זיינען זיי געפאַלען... נור רוסישע, דייטשעשע, פראַנצויזישע, ענגלישע, עסטרייכישע, טערקיישע, אי־טאַליענישע, בולגאַרישע רומענישע פּוילישע העלדען... און אויף דעם דריקען מיר היינט אויס אונזער גרויסען שמערץ... און מיר פערלאַנגען אז דיא היינטיגע „עקידת יצחק" וועלכע זיינען ניט קיין „אידישע העלדען" ווי די „חשמונאים" און ניט קיין „קדושים" וויא חנה'ס קינדער פיר זייער „אמונה" מיר זאָלען זיי בעעהרען און בע־וואונדערען פיר זייער קאַמפּף אין דער מלחמה ! נור מיט „רחמנות" רבש"ע ! זאָלסטו היינט דערמאָנען זייערע יונגע לעבענס און פער־גאָסענע בלוט.. ועקידת יצחק לזרעו „היום" „ברחמים" תזכור ! — והמשכיל יבין.

ה

און יעצט מיינע ברידער און שוועסטער. ווען איהר בעט היינט דעם זכות פון „עקידת יצחק" דאָס השי"ת זאָל אייך דער־מאָנען און אנשרייבען א גוט יאָהר, געזונד און פרנסה, דאן וויל איך אייך דערמאָנען דיא פפליכט צו אייערע מיליאָנען ברידער וואָס שטאַרבען פון הונגער, נויטה מגפה און פערשידענע קראַנקהייטען ר"ל. רעטעט אייערע מיליאָנען ברידער פון אונטערגאַנג... האָט „רחמנות" אויף דיא היינטיגע „עקידת יצחק." עפענט אייערע הער־צער און טרייעט העלפען א גאַנצען פאָלק פון טויט ! „ברחמים תזכור". און דעם זכות פון תפלה תשובה און צדקה וועט השי"ת

אייך אנשרייבען א גוט יאהר. שנת גאולה וישועה שנת ושלום אויפ'ן כלל ישראל און אויף דיא גאנצע מענשהייט. שנת בואי בשלום „עטר"ת". במהרה בימינו אמן.

חיים יחיאל אשרי.

דרוש לשבת תשובה, תרע"ט

תקעו שופר בציון, קדשו צום קראו עצרה.

א

דער נביא יואל שילדערט דעם אונגליק פון דעם פאלק און הייסט בלאזען שופר אין ציון, הייליגט א טאג צו פאסטען, רופט א מאסענפערזאמלונג פון פאלק, וואו עס זאלען נעהמען אן אנטהייל אלע שיכטען פון פאלק. יונגע און אלטע אפילו קליינע עופעלעך און זייגענדע קינדערלעך. עס איז דיא פפליכט אפילו התן־כלה, אין דעם מאמענט פון אונטער דער חופה צו קומען און נעהמען אן אנטהייל אין דעם אומגליק פון פאלק און דיא קליינע עופעלעך זאל אייך פיהלען דיא ליידען פון פאלק, צווישען דיא זיילען און אלטער זאלען דארט וויינען דיא כהנים וואס דינען השי"ת און זאלען זאגען רבש"ע דערבארעם זיך און בעשיץ דיין פאלק ישראל און גיב ניט אוועק דיין בית המקדש דיין לאנד צו פרעמדע פעלקער, דען וואס וועלען זאגען דיא גוים... וואו איז אייער גאט? ווארום קומט ער אייך ניט העלפען? און הקב"ה וועט ראכע נעהמען פיר זיין לאנד, און דערבארעמען זיך אויף זיין פאלק ישראל: דאס איז אין קורצען דער אינהאלט פון די פסוקים וואס מיר לייענען „שבת שובה".

ב

בין האולם ולמזבח יבכו הכהנים משרתי ה'

א גרויסע מאראלישע לעהרע פיר הייגטיגע צייטען... ווען דאס פאלק לעבט ניט נארמאל און עס הערשט א תוהו ובוהו אין דיא אידישע וועלט... ווען עס קומט דיא הייליגע טעג „ימים נוראים"

און מען דארף ריידען צום פאלק, אדער אפעלירען צו העלפען אונ־
זערע ברידער אויף יענער זייט ים, קומען אין דיא שוהלען בעפאר
שופר בלאזען אדער בעפאר מוסף „מטיפים“ פון לינקען חדר... סאָ־
ציאליסטען, בונדיסטען, אנארכיסטען, אלע פרייע פויגלען... קומען
זאגען „דברי כבושים“ און מוסר דעם פאלק, און מאנכע מאכען א
שארפע אטאקע אויף פרומע אידען.. און מאנכע כאפען איבער דיא
מאס רייד... און זאגען דאס פילע פערשפילען אין פויקער א נאכט..
מעהר ווי זיי גיבען א יאהר צום „רעליעף פאנד“ דיא זאך מעג זיין
אביסעל אמת... אבער דאס ווירקט פונקט קאפויער און דער פאלק
לאכט פון דעם „מטיף“ און גיבען ניט א סענט פיר'ן רעליעף... ווייל
דאס זיינען ניט דיא מענשען וועלכע דארפען זאגען „מוסר“ א
ציווייטען, ווען אליין זיינען זיי ווייט פון שבת, כשרות, טהרת
המשפחה, און פון תפילין, ציצית, תפלה בצבור, איז דאך ניט וואס
צו פערלאנגען פון אויסגעשפראכענע ראדיקאלען און געהן זאגען
„מוסר“ און וויינען אויפ'ן פאלק'ס אומגליק... ווער דען דארף וויי־
נען? — יבכו הכהנים משרתי ה' די רבנים,
דרשנים, מגידים, מטיפים, וועלכע דינען א גאנץ יאהר השי"ת מיט
תורה ותפלה. און דינען דעם פאלק. זיי ווייסען וויא צו וויינען און
וואס צו פערלאנגען פון השי"ת פיר זיין פאלק ישראל אין אזא צייט.

ג

די הייליגע חז"ל שטעלען פאר דריי קלאסען מענשען. צדיקים,
רשעים בינונים, דיא מיטעל קלעס זיינען נאך ניט פערטיג און
הייגגען אין דער לופטען און מען האט זיי געגעבען צייט ביז „יום
כפור“ זיך אויסבעסערען מיט תפלה, תשובה און צדקה. אויף דיא
הייליגע טעג, „בין כסא לעשור“ איז דיא צייט וואס דיא תפלה
ווערט מעהר אנגענומען וויא א גאנץ יאהר דאס הייסט „ימי רצון“.
דארום געפינען מיר אין פיעלע דינים, מנהגים, וואס זיינען א גאנץ
יאהר ניט אבגעהיט געווארען ביי פילע אידען, ווערען אבגעהיט אין
דיא „עשרת ימי תשובה“ און איינע פון די דינים איז ניט צו קויפען
קיין ברויט ביי א גוי... אין די טעג, אפילו די וואס היטען ניט א
גאנץ יאהר. (או"ח ה' ר"ה, תר"ג) און ווען מיר ווילען וויסען
וויא ווייט דאס יודענטהום האט געמאכט פראגרעס אין אמעריקא,
איז צו זעהן פון פאקט... דאס רבנים, דרשנים, מגידים, שטעהן

„שבת שובה" לעבען „ארון הקודש" און שרייען און בעטען ביים פאלק, אפילו די אידען וואס היטען א גאנץ יאהר ניט צו קויפען ברויט ב י י א ג ו י... זאלען דעם שבת אבענד קויפען ברויט ב י י א ג ו י... ווייל דיא אידען באקען אום שבת.. האט איהר געהערט דאס אידען זאלען צווינגען אידען צו מחלל שבת זיין בפרהסיא, טראץ דעם „חלול שבת" איז דאס א „חלול השם" — ל מ ה י א מ ר ו ה ג ו י ם... איה אלהיהם?? — און די גמרא זאגט דאס אויף דעם פערברעכען פון „חלול השם" איז ניט מכפר קיין תשובה, און קיין יום כפור. און קיין יסורים, נור דער טויט... איז מכפר פיר דעם פערברעכען פון „חלול השם" (יומא, פ"ו)

אין דער לעצטער צייט האבען זיך שוין געפונען אידען וועלכע עפענען די סטארס, געשעפטען דעם 2טען טאג ר"ה, אין דער צייט וואס אין דיא ענגלישע פרעסע בעשרייבט דיא הייליגע טעג. און ווען זיי פאהרען דורך די סטריט מיט דעם פייפער אין האנד... און זעהן ווי מען שטעהט אין סטארס... און מען פערקויפט תחתונים. אדער שיך'.. דארפען מיר האבען א גרעסערען „חלול השם ? ל מ ה י א מ ר ו ה ג ו י ם... א י ה א ל ה י ה ם ? ? !

ד

ווען מיר בעטראכטען דעם „בשר כשר" סקאנדאל אין אמעריקאנער יודענטהום, דאס אידען זאלען פערקויפען אפען נבלות וטרפות. מען פיהרט א מלחמה מיט שוחטים, מיט בוטשערס, מיט סטאר־קיפערס, אז זיי זאלען פון ווינדע אראפנעמען דעם שיין „בשר כשר" אין פיעלע שטעדט און סטייטס, האבען אידען געוואונען א זיעג... געגען דיא טרפה בוטשערס... דאס מיט דיא לאא קען מען בעשטראפען ווען אייגער פערקויפט ניט „כשר"... אבער דער זיעג קאסט אונז א צו טהייערען פרייז פיר דעם, דען מיר האבען אוועקגעגעבען דיא תורה הק' צו די גוים... קיין „חושן משפט" און קיין „אבן העזר" האבען די גוים ניט אנערקענט... און „אורח חיים" האבען אידען ניט אנערקענט, און יעצט האט מען אבגעגעבען דעם „יורה דעה" צו די גוים... טו ביי וואס זיינען מיר געבליבען ? ? !
קשה היום לישראל! אמאל האט דער איד געמאכט א „ברכת התורה" אין דער פריה, און האט געזאגט — א ש ר ב ח ר ב נ ו מ כ ל ה ע מ י ם, ו נ ת ן „ל נ ו" א ת ת ו ר ת ו...

און היינט זיינען מיר געגאנגען און אװעקגעגעבען „בידים“, דעם „יורה דעה“ צו די גוים... טו ביי וואס זיינען מיר געבליבען??!
פינסטערע צייטען עס מאכט דורך דער אידישער פאלק. דער „מדרש רבה“ ערקלעהרט אויפ'ן פסוק, והארץ תוהו ובוהו וחושך. זו מלכות יון, שהחשיכה עיניהן של ישראל בגזירותיהן, שאמרה להם, כתבו על קרן השור, שאין לכם חלק באלהי ישראל:—
אט דיזע צייט ווידערהאלט זיך אין אמעריקא. ווען אין רוסלאנד פוילען, ליטא, גאליציען און עסטרייך, האבען מיר ניט געוואוסט פון בלאמבעס, שטעמפלען דעם אקס... די קעלבער, שמידען אין קייטען מיט ווייערס... ווייל מיר האבען געהאט אידען מאמינים בני מאמינים, זיי זיינען בחזקת כשרות, עד אחד נאמן באיסורין, און יעדער איד איז געװעזען בעגלויבט אויף כשרות, דער שוחט, דער קצב, דער מנקר, אלע זיינען געװעזען אידען. דארום האט דער אקס... שעפס, קאלבס, טשיקען א. ז. וו. ניט גע־דארפט האבען קיין „הכשר“ פון א רב אבער דא אין אמעריקא, וואו יעדערער פון סטריט ווערט א בוטשער... אפילו ראדיקאלען, סמוקען און שייװען זיך אום שבת... א. ז. וו.. זיינען ניט נאמנים אויף כשרות... דארום דארפען האבען דיא אקסען... שעפסען, קעלבער און טשיקענס. הכשרים און פלאמבעס געשמידט אין קייטען דורך ווייערס... יא, ברידער! ווען איך געה אריין אין א בוטשער סטאר און זעה אויפ'ן טיש א טשאק פלייש מיט א פלאמבע און סטעמפס... דורך מיט ווייערס... ווייס איך, אז דער בוטשער איז א „כופר בעיקר“ און האט ניט קיין נאמנות אויף כשרות.. און דאס מיינט דער „מדרש רבה“ אין דער צייט פון די יונים, האט מען די אידען גע־צוואונגען צו שרייבען אויפ'ן הארען פון אקס... אז איהר האט ניט קיין עולם הבא... קיין חלק אין דעם אידישען גאט. און היינט אין אמעריקא שרייבט מען און מען זיגעלט מיט פלאמבעס דעם אקס... דאמיט צו וויסען דאס דער בוטשער איז קיין איד! — אין לכם חלק באלהי ישראל! אוי לדור שככה עלתה בימיו

ברידער און שוועסטער! היינט איז שבת שובה, אונזער שיק־זאל הייגנט אין דער לופטען. מיר קענען זיך בעסערען ביז דעם „יום הקדוש“ יום כפור. לאמיר תשובה טהאן מיט'ן גאנצען הארצען

נחפשה דרכינו ונחקורה, — לאמיר נאכזועהן דיא וועגען און פארהיטען פון „חלול השם" און מקיים זיין דיא תורה הק', און אכטונג געבען אויף דיא קינדער און ערציהען אין אידישקייט, אין דעם זכות התורה וצדקה וועט השי"ת אונז אנשרייבען א גוט יאהר, שנת חיים ושלום, שנת גאולה וישועה, במהרה בימינו אמן. חיים יחיאל אשרי

דרוש ליל יום כפור, תרע"ח

על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה, אנו מתירים להתפלל עב העברייונים.

(התעוררות)

דיווערטער זאגט דער חזן איבער דריי מאהל. דא ליגט איינע פון דיא אידישע טראגעדיעס אין דער צייט פון דיא מאראנעז. אפיציעל האבען זיי געהייסען גוים... אבער אין דער שטיל... אין הארצען, אידען. א לאנגע צייט האבען זיי געשפיעלט אזא ראלע, אבער ווען עס איז געקומען יום כפור נאכט, זיינען זיי געקומען אין די שוהלען דאווגען, ווייל די נאכט האט א גוואלדיגען „הייליגקייט" און דעם אידען'ס נשמה נעהמט ציהען, אפילו מומרים משומדים, קומען יום כפור נאכט אין שוהל עס איז א „קבלה" דער וואס קומט ניט יום כפור נאכט צו „כל נדרי" הייסט ניט קיין איד; אין זיינע אדערען איז ניטא קיין אידיש בלוט... דאס פאלק האט ניט געוואלט דאוונען מיט דיא מאראנען „אנוסים" ביז דיא רבנים גדולי הדור האבען געפונען, אז זיי זיינען אמת'ע אידען און זיינען מותר לבוא „בקהל" על דעת המקום, ועל דעת „הקהל" האט מען זיי ערלויבט צו דאוונען מיט אלע אידען צוזאמען... אט דיא טראגעדיע ווערט איבערגעגעבען אין דיא הארציגע טענער פון „כל נדרי", וואו דער חזן דערציילט אין זיין אי.. אי... איז פרעגט פארוואס, פאר ווען קומט דאס אידישע פאלק צו ליידען אין אלע צייטען און אין אלע לענדער? וויא לאנג קען עקסיסטירען א פאלק וועלכעס אזוי פיעל חיות רעות ווילען איהר צורייסען? — שה

פזורי ישראל! צווישען א וועלט מיט וועלף? בטלין ומבטלים חו"ש וועט אונטערגעהן דאָס אידישע פאָלק? הכלה אתה עושה לשארית ישראל? אויף דעם קומט דער ענטפער, פון די קליינע זינגערס (סאפּראַנען) לא שרירין ולא קימין! זייערע דיפּלאָמאַטיע וועט קיינמאָהל ניט אויסגעפיהרט ווערען, און אידען וועלען בלייבען אייביג א פאָלק! —

אויף אין היינטיגען דור אין דיזען לאנד קומען צונויף אלע אידען, פרומע און פרייע, כופרים בעיקר, מחללי שבת ויו"ט, אוכלי השקץ והעכבר... און פילע אידען פּראָטעסטירען, א גאַנץ יאָהר ווילען זיי ניט צולאָזען צום „עמוד" ניט רעכענען צום „מנין" די פושעי ישראל. און עס איז פיל מאָהל א שווערער קאמפף. אבער היינט ביינאַכט איז שטיל... רוהיג, הייליג, מען דאַוועט צוזאַמען אלע פרומע און פרייע. ווייל מיר זאָגען — על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה, ובישיבה של מטה אנו מתירין להתפלל עם העבריינים... און מיר געפינען דאָס גדולי ישראל ווי רש"י ז"ל *) און דער אבן הירחי **) זיינען געוועזען טאָלעראנט צו די פושעי ישראל און זאָגען דאָס א תענית וואו עס נעהמען ניט קיין אנטייל די פושעי ישראל הייסט ניט קיין תענית, דאמיט האַבען זיי אויסגעדריקט דאָס זיי זיינען נאָך אַלעמען אידען, ווייל זיי

---

*) רש"י — פ' תשא. ורבינו בחיי ז"ל — וחלבנה ריחה רע ואעפי"כ הכניסה הכתוב בכלל הבשמים החשובים, ובא לרמוז שאין לנו להקל ברשעים פושעי ישראל, שלא יהיו בכלל תעניותינו ותפלתנו וכמו שאמרו רז"ל „כל אגודה שאין בה מפושעי ישראל אינה אגודה, ע"ש.

**)הגאון ר' אברהם בר' נתן „הירחי" כתב בשו"ת נדפס בספר גנזי ירושלים ע"י שלמה אהרן ווערטהיימער, ירושלים, דף כ"א, וז"ל — „ואעפ"י שחלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב עם סמני הקטורת ללמדך שלא לבזות פושעי ישראל וקלי עולם ועמי הארץ מלהיות באגודתינו להחזיקם בדרך היושר והאמת אולי יחזרו בתשובה, סוף סוף לא בא ממקום הטנופת...

קומען ארויס פון זרע אברהם יצחק ויעקב, דארום דארפען זיי ניט פארשטויסען ווען זיי קומען אין שוהל דאוונען, זאָגען קדיש וכדומה און דער נביא זאָגט שלום, שלום, לרחוק ולקרוב. פריהער גיט שלום דעם רחוק... וואס איז ווייט א גאנץ יאָהר פון פאָלק, פון שוהל און נאָכדעם דעם קרוב, דעם נאָהענטען וועלכער קומט אלע טאָג אין שוהל, לאָזט זיי קויפען עליות, פתיחות, און מפטיר יונה, ווען זיי קומען 3 טעג אין יאָהר, זייט היינט פאראייניגט אלעם פאָלק און פראָקלאַמירט פיר די וועלט, עוד ישראל חי! מיר זיינען א לעבעדיג פאָלק, אלע פעלקער האָבען א „זמן חרותנו" א טאָג פון פרייהייט, א פערטען דזשולאַי, א „חג האסיף" אָבער א „יום כיפור" האָט נור דאָס אידישע פאָלק, וואו ער הויבט זיך אויף פון אלטעגליכען לעבען, און ווערט א „מלאך" און שרייט „בקול רם" ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. דאָס איז נור ערלויבט מלאכים צו זאָגען, אָבער היינטיגע נאָכט זיינען מיר פריי פון מענשליכע זאכען עסען, טרינקען, א. ז. וו. מיר זיינען מלאכים שרפים...

ג.

דער „מנהג" וואָס מיר גזהען אנגעטאָן אין ווייסען מיט קיטלען, און די פרויען אין ווייסען, און אין שוהל איז אלעם ווייס, דער פרוכת, כפורת, מענטעלעך, דער שולחן, דער חזן אלעם איז ווייס... עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען דעם פילע מיינונגען.

איך וועל ערקלעהרען דאָמיט ווייזען דאָס אידישע פאָלק די וועלט אז זיי זיינען א פרידליכע פאָלק, א רויטע פלאג, איז א צייכען פון בלוט. ווען עס שטעלען זיך אוועק דריי מיליאָן איירישע, איטאַליענער, רעוואָלוציאָנערען און געהען ארויס אין א סטרייק, מיט רויטע פלעגס אין די סטריטען, דאן ווערען אומרוהיג די פאָליס דער סיטי מעיאָר, דער גאָווערנאָר און דער פרעזידענט פון לאנד, ווייל זיי געהען מיט א בלוטיגען צייכען א רויטען פלעג!

אָבער אידען האָבען זיך היינט אוועקגעשטעלט דריי מיליאָן אידען אין אמעריקא, און עס שלאָפט רוהיג דער סיטי מעיאָר, דער גאָווערנאָר און דער פרעזידענט פון לאנד, ווייל מיר שטעלען ארויס א ווייסען פלעג, א צייכען פון פרידען — שלום! פרידען מיט אלעמען, שלום, שלום לרחוק ולקרוב.

והמשכיל יבין.

ד.

נאך א מיינונג גיבען אונז די חז"ל אז דאס איז געוועזען א „מנהג" פון די טעכטער פון ירושלים ארויסצוגעהן אין ווייסען און אין לייען, איינער פון צווייטען, אהן אונטערשייד, דעם פרעזי־ דענט'ס טאכטער פון כהן גדול, און אזוי ווייטער, איינער פון צוויי־ טען, דאמיט ניט צו באליידיגען די ארעמע וואס האט ניט מיט וואס צו קויפען א דרעס, און איבער דעם טעם זאגט דער גרויסער גאון מהרש"א *) דארפען די פרויען טראגען גור וויס, ניט קיינע פאר־ בען, ווי שווארץ, בלוי, געל, רויט, אום אלע זאלען זיין גלייך, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט דאס הייסט דער טאג „יום כפור" וואו עס איז געוועזען איינער פון די גרעסטע ימים טובים ביי דעם אידישען פאלק.

על דעת המקום ועל דעת הקהל, שיקען מיר דעם חזן אלעס ש"ץ, פיר די געמיינדע ער זאל אויסבעטען א גוט יאהר פיר אלע אידען. איך ווינש דאס ער זאל ערפילען זיינע שליחות, און השי"ת זאל מקבל זיין די תפלות ווי דוד המלך האט געבעטען פנה אל תפלת הערער, ולא בזה את תפלתם (תהלים, ק"ב) השי"ת זאל אנעמען די תפלה פון חזן אהן א קאהר... ועלכער שטעהט איינער אליין ווי א איינ־ ציגער בוים אין מדבר!... כערער בערבה!... און בעט אויס א גוט יאהר שנת חיים ושלום, שנה שתליכנו קוממיות לארצינו, אמן ואמן.

חיים יחיאל אשרי.

---

*) מהרש"א, (תענית, ל"א), בד"ה, ובת כ"ג מבת סגן. ומה"ט נמי תנו במתני' שאין לובשין רק לבנים, שלא לבייש העניות שאין להם צבעונים רק לבנים.

דרוש להזכרת נשמות, תרע״ט

זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך. (שמות, ל״ב).
(ובמדרש רבה פ׳ מ״ד) זכור לאברהם, פתח ר׳ תנחומא בר אבא. למה נמשלו ישראל לגפן ? מה הגפן היא חיה ונשענין על המתים כך ישראל חיים וקיימים ונשענין על המתים אלו האבות. וכן אתה מוצא כמה תפלות התפלל אליהו בהר הכרמל שתרד האש ולא נענה. אלא כיון שהזכיר את המתים ואמר ה׳ אלהי אברהם יצחק וישראל מיד נענה מה כתוב ותפול אש מלפני ה׳, וכן משה בשעה שעשה ישראל אותו מעשה עמד ולמד עליהם זכות מ׳ יום ומ׳ לילות ולא נענה אלא כיון שהזכיר את המתים מיד נענה, שנאמר זכור לאברהם ויצחק ולישראל, מה כתוב וינחם ה׳ על הרעה, עכ״ל המ״ר.

דער „מנהג" פון „הזכרת נשמות" איז שוין פון הונדערטע יאהרען, דער ערשטער פוסק, וועלכער בריינגט דעם „מנהג" בלויז פאר דעם טאג „יום כיפור" און ניט „יום טוב" איז דער גאון און חסיד יסוד עולם ר׳ אלעזר מגרמיזא. אין (ספר „הרוקח" בס׳ רי״ז) און דער צווייטער איז דער בעוואוסטער פוסק „מרדכי" (ב״ב פ״א בשם הא״ז) אז דאס איז א מנהג קבוע אין אלע ערטער צו מאכען ר״ה ויום כפור הזכרות נשמות און געבען צדקה. אין די שפעטערע צייטען איז שוין געווארען פארשפרייט דער מנהג פיר שלוש רגלים. אחרון של פסח, ב׳ של שבועות, און שמונה עצרת, אין דעם טאג ווען מען לייענט „כל הבכור" זאל מען מאכען „הזכרת נשמות" אבוואהל דער גרויסער גאון און מבקר, ר׳ יעקב עמדון אין סידור בית יעקב, איז שטארק מתרעם אויף דעם מנהג, ווייל עס שטעהט „ושמחת בחגיך" והגר והיתום והאלמנה אשר בשעריך, איז דאס נגד התורה, און ווייל דאמיט פארענטפערען, ווייל דער צווייטער טאג איז נעגעו א מת איז „כחול שויה רבנן". דאריבער איז דעם צווייטען טאג איז ניט קיין איסור צו זאגען „יזכור" און וויינען. אבער וואס וועט דער גאון ענטפערען אויף „שמיני עצרת". „חג בפני עצמו", און אין צווייטענס, דאס איז רעכט אין די פריהערדיגע יאהרען, ווען דער ערשטער טאג איז געווען הייליג און דער צווייטער טאג פראסט, האט געהאט א זינן צו זאגען „יזכור", אבער היינט אין אמעריקא, ווען דער ערשטער טאג איז „חול" און „שביעי של פסח" און דער ערשטער טאג שבועות ווערט געארבייט, און מען

סטאָפּט נור דעם אחרון של פסח, און דעם 2טען טאָג שבועות, איז דאָך דער טאָג קודש, טו פון וואנען איז דער היתר צו זאָגען „יזכור“ און וויינען ווען עס שטעהט בפירוש אין דער תורה „ושמחת בחגיך“ ? ? ! איך האָב געזוכט אין אלע פוסקים ראשונים ואחרונים און ניט געפינען אן ענטפער מיר שטעלען צופרידען *)

איך האָב געשטעלט די פראגע און די בעדייטונג און דעם צוועק פון „הזכרת נשמות“ און די ענטוויקלונג פון דעם „מנהג“ ביי דעם אידישען פאָלק, און האָב ערקלעהרט דעם „מנהג“ פון א וויכ־טיגע בעדייטונג פאר אלע פעלקער און נאציאָנען

ב.

ווען מיר זעהען אין א צייט פון קריעג, וואו עס ווערען געקוי־לעט טויזענדער מענשען מיט אלע סאָרטען מיתות משונות.... און עס איז קיין צייט צו באַגראָבען די טויטע... און ווילדע חיות... עסען אויף פיעעל קערפּערס, און דעם וועלט בראנד איז די פראגע פון טויטען דעם שונא... ניט פון לעבען... אָבער ווען מען סטאָפּט די מלחמה און ווערט „שלום“ דאן קומען די רעגירונגען און נעהמען צוזאמען די טויטע ביינער... אויף אַ גרויסען פּלאַטץ מיט א שטיי־נענעם פּארקען, מען שטעלט אַוועק אַ מאָנומענט פון מהייערען שטיין מיט גאָלדענע בוכשטאַבען, די נעמען פון די העלדען, וועלכע האָבען מקריב געוועזען זייערע לעבענס פאַר זייער לאַנד, און אַלע יאָהר אין דעם טאָג פון „יאָהר־צייט“ פּאָהרען אַרויס גרויסע רעגי־

*) ספר חסידים בס׳ ק״א, ובס׳ תתשע״ז, תשב״ע, בסימן שמ״ג. הרוקח, בס׳ רי״ז, או״ח לר״א מלוניל, ה, יום כפור אות ל״ד. המרדכי פ״א ב״ב בשם הא״ז. רבינו בחיי על התורה פ׳ שופטים. שבלי הלקט, הובא בב״י או״ח תפ״ד. אור ה׳, דון חסדאי קרשק״ש מאמר ג׳ פ״א. צרור המור, פ׳ שופטים, מהרי״ל ימים שבין פסח לעצרת. הב״י באו״ח תרכ״א בשם המרדכי. הרמ״א בשם „כל בו“ שו״ע אור חיים בס׳ רפ״ד בהגה״ה. שו״ע או״ח בס׳ תרכ״א ע״ש.

ר מרדכי יפה, בעל הלבושים או״ח בסמן רפ״ה. נשמת חיים, למנשה בן ישראל, מאמר ב׳ פכ״ח ע״ש, מטה משה, מטה אפרים.

הגאון ר׳ יעקב עמדן בסידור בית יעקב.

מְנָהגי ישורון, מטעמים החדשים, אוצר הדינים והמנהגים.

רונגס בעאמטע, רעדנערס, דיפּלאָמאַטען, סענאַטאָרס, קאָנגרעס לייט און גאָווערנערס האַלטען רעדעס פאַר'ן פאָלק, ווייזען אָהן דעם פאָלק אויף די העלדען וועלכע האָבען פאַרטיידיגט דאָס לאַנד, מיט זייערע יונגע לעבענס, דאַמיט איינצופלאַנצען ליבע און פּאַט־ריאָטיזמוס אין פאָלק און אין קליינע קינדער, זיי זאָלען זיין טרייע בירגער און דאָס פאָלק ברייננגט קראַנצען בלומען אויף די קברים פון די העלדען, אזוי איז דער „מנהג" ביי אלע פעלקער און נאַציאָ־נען וואָס האָבען אייגענע לענדער, וואו צו שטעלען מאָנומענטען פאַר זייערע העלדען... אָבער מיר אידען אלס א גלות פאָלק שוין צוויי טויזענט יאָהר, אָהן לאַנד, און מיר האָבען העלדען, קעמפער. אויף „קידוש השם" קדושים וטהורים שמסרו נפשם על „קדושת השם", וואו האָבען מיר א שטיקעל פּלאַץ צו שטעלען א מאָנומענט פיר אונזערע העלדען „גבורי ישראל" און בפרט, דער (ירושלמי פ"ד שקלים) זאָגט רשב"ג. אין עושין נפשות לצדיקים דבריהם הן הן זכרונם: נור איהם צו פאַרהייליגען און פאַראייביגען זייערע נשמות ה"ק, האָבען אונזערע קדמונים פאַר־פאַסט א תפלה „אב הרחמים" אין גזרות תתנ"ו — אין דער צייט פון רש"י ז"ל און פריהער, — און דאָס זאָל געזאָגט ווערען אין אלע צייטען די תפלה ווען דאָס אידישע פאָלק זיינען צוזאַמען גע־קומען אין די שוהלען *) ווי „יום כיפור און שלוש רגלים, וואו עס איז א מצוה מן התורה, אז אלע זכרים זאָלען קומען אין בית המקדש, און היינט אין די שוהלען, שלוש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ה'. בחג המצות, ובחג השבועות ובחג הסוכות.

אין די טעג זאָל מען געדיינקען די קדושים און מאַרטירער און איינפלאַנצען אין פאָלק ליבע צו זיין תורה הק', צו זיין פאָלק, און זיין פאַרטיג צו פאַרטהיידיגען אונזער אמונה מיט אלע קרעפטען און

---

*) („המדרכי" בפ"א דב"ב בשם הא"ז) הלכך אותם בני הישובים שבאים לקהלה בר"ה ויו"כ ומזכירין נשמות ונודרין צדקה, הועיל וחק קבוע הוא בכל המקומות להזכיר נשמות ונודרין צדקות אין כאן חשד בכלל כי בודאי יתנוה וגם אין נותנים לחבר עיר כי אין צדקה זו באה מכח אותה העיר אלא מכח חק ומנהג, ע"כ ברוך אלהים שהנחני בדרך אמת.

לערנען די קינדער זייערע „אידישע העלדען" וועלכע זיינען גע־פאלען פיר זייער תורה ואמונה. אין אלע צייטען און אין אלע לענדער, שפאניען, פורטוגאל, פראנקרייך, דייטשלאנד, פוילען, רוסלאנד, אוקראינא, רומעניען, מאראקא, וואו האט מען דעם איי־דען ניט געברענט און געשאכטען ? ? !

קהלות הקודש שמסרו נפשם על קדושת השם הנאהבים והנאימים בחייהם ובמותם לא נפרדו, מנשרים קלו, ומאריות גברו לעשות רצון קונם וחפץ צורם :

עס זיינען געפאלען פאטערס און קינדער צוזאמען, מענער און פרויען, ברידער און שוועסטער, חתנים און כלות, געארעמט מיטביידע הענד... געלעבט צוזאמען און געשטארבען צוזאמען, מיט „שמע ישראל" אויף די ליפען... און מיר פארלאנגען ראכע פאר די פארגאסענע בלוט — הרנינו גוים עמו, כי דם עבדיו יקום, ונקם ישב לצריו, וכפר אדמתו עמו (דברים, ל"ג).

מיר האבען צווייערליי נעמען „בנים" און „עבדים" אין דער צייט ווען מיר טהאן דעם רצון הבורא, הייסען מיר „בנים אתם לה'" און ווען מיר פאלגען ניט און היטען ניט די תורה הק' הייסען מיר „עבדים" עבד לעבדים ! פאר אלעמען מוזען מיר זיך בוקען... מיר האבען „יהודים" אסימילאטארען, וועלכע זיינען האלבע אידען, און האלבע גוים צווישען אידען גוים. און צווישען גוים זיינען זיי פארטרעטער פון אידען... און ווען עס מאכט זיך א בלוטיגע דראמא.. קריגען זיי אויך מיט א שטיין איבער'ן קאפ ! און זייער בלוט ווערט אויך פארגאסען. פאר וואס ? פאר ווען ? וואס פאר א שייכות האבען זיי מיט אידען ? דער ענטפער איז, אז פאר די גוים זיינען זיי אידען „מזרע אברהם", אבוואל זיי האבען צוויי פנימ'ער פאר אידען און פאר גוים... אט די טראגעדיע האט משה רבינו געזעהן אין פאראויס, און זאגט מיט די ווערטער — הרנינו גוים, עמו כי דם „עבדיו" יקום. איהר זייט ניט קיין „בנים למקום" אבער „עבדים"... אבער דאך וועט השי"ת ראכע נעהמען פאר אזעל־כע בלוט וואס איז געווארען פארגאסען, ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו :

אמר ר' יוחנן כל הדר בארץ ישראל אפילו שעה אחת ומת, הֲרֵי מוּבְטָח שֶׁהוּא בֶּן עוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר וְכִפֶּר אדמתו עמו. (מִדְרַשׁ מִשְׁלֵי).

א גרויסען אידעאל איז ארויסגעזאָגט אין די ווערטער. אונ־זערע אמאָליגע „משכילים" האָבען געלאכט פון פארצייטיגע אי־דען וועלכע זיינען געפאָהרען שטאַרבען אין ארץ ה"ק, זיי, די „משכילים" האָבען ניט געוואוסט פון וואנעט עס שטאַמט א „מנהג" ביי דעם אידישען פאָלק א וואונש צו שטאַרבען אין ארץ ישראל? און האָבען געלאכט... אבער ווען איהר וואָלט זיך גענומען און פאָרשען די זאַך, וואָלט איהר באקומען א גאַנץ אנדער ליכט אויף דעם „מנהג".

מיר זעהען היינט דעם מנהג צו פאָהרען אויף „קבר אבות" איז פאַרשפרייט איבעראל ביי אלע פעלקער און נאַציאָנען, דער איד איז געוועזען אָבגעריסען פון זיין לאנד, און פאָהרען לעבען איז געוועזען אומעגליך אין יענער צייט. און ווען זיי האָבען ניט געקענט בויען די לאנד מיט זייער לעבען האָבען זיי געבויט די לאנד מיט זייער פאָהרען שטאַרבען אין ארץ ישראל, ווייל שפּעטער אין יאָהרען זיינען געקומען די קינדער צופאָהרען אויף „קבר אבות" און האָבען זיך בעקענט מיט די לאנד און געגעבען אויפצוהאלטען שוהלען, בתי מדרשים, צדקה, א. ז. וו. דאָס האָט געמאכט מיט זייער פאָהרען שטאַרבען א ישוב אין ארץ ישראל, אום די קינדער זאָלען בלייבען צוגעבונדען צו די הייליגע לאנד, וויפיעל ליעבע ליגט אין דעם מאמר חז"ל.

דער איד וועלכער וואָהנט אין דאָס אידישע לאנד, נור איין שטונדע און שטאַרבט, איז זיכער אז זיין קינד וועט בויען די אי־דישע לאנד אין דער צוקונפט, הרי מובטח שהוא „בן" עולם הבא.

והמשכיל יבין.

ה

ואומר כי דורש דמים, אותם זכר, לא שכח צעקת ענוים. השי"ת וועלכער פאָרשט דיא פאַר־גאָסענע בלוט... זאָל ער געדיינקען דיא געשרייען פון די אומגליק־ליכע.. זאָלסט ניט פערגעסען... ברידער און שוועסטער ! ווען מיר בעטען דאָס השי"ת זאָל ניט פערגעסען אָן די בלוט און די געשרייען פון די מאַרטירער.. לאָמיר ניט פערגעסען די פערגאָסענע בלוט... פון פוילען און אוקריינא... העלפען אונזערע ברידער וואָס שטאַר־בען פון הונגער.. צעקת ענוים — לא שכח!... ואומר

ידין בגוים, מלא גויות, מחץ ראש על ארץ רבה און עס וועט קומען דער גרויסער טאָג, וואו מען וועט משפט'ן די פעלקער... וועלכע האָבען גערינכטעט אַנדערע פעלקער.. און השי"ת וועט זיי פרעגען, וואָס האָט איהר, טיראַנען און מענשען־פרעסער... געמאַכט פון מיין וועלט מענשען? גיט אַ קוק אויף זיי, אָהן הענד און אָהן פיס, אָהן אויגען צו זעהן מיין ליכטיגע וועלט! און מען וועט אוועקשטעלען אלעמען אין ליין... בלינדע, הינקעדיגע, שטומע פון שרעק.. און משוגעים, וועלכע האָבען פערלאָרען דעם פערשטאַנד... ידין בגוים, מלא גויות.. מחץ ראש על ארץ רבה! — עס וועט פאַלען דיא קעפּ, איינער נאָכ'ן צווייטען, איהר וועט דערטרונקען ווערען אין דעם ים בלוט פון די מענשהייט.. מנחל בדרך ישתה, על כן ירים ראש:

אָבער מיר אידען, וואָס איז די לעהרע פון דעם וועלט־בראַנד. פיר אונזער פאָלק? הויבט אויף אייערע קעפּ! און זעהט וואָס איז געוואָרען פון אונזער פאָלק? צו די „הונדערט מיליאָן" דאָלאר וואָס מיר האָבען געהאָלפען היינט אין דער צייט פון שחיטות... יא! ווען מיר וואָלטען געגעבען מיט 25 יאָהר פריהער פיר'ן פאָלק, און מיר וואָלטען היינט געהאַט 3 מיליאָן אידען אין ארץ ישראל, וואָלט דאָך היינט שוין געווען אַ גאַנץ אַנדער פּאָליטיק אין פּאַריז צו דעם אידישען פאָלק... דאַרום, ברידער! הויבט אויף אייערע קעפּ! און בעטראַכט וויא לאַנג איז דער שיער זיך ארומטרייבען אין גלות־לענדער, און ווען צוויי טיראַנען צושפּילען זיך אין פּאָליטיק... פיהרט מען אונזער פאָלק צו דער „שחיטה"... על כן ירים ראש! און זאָגט דעם פסוק — אשרי יושבי ביתך, עוד יהללוך סלה. וואויל איז אַ פאָלק וועלכער האָט אַ אייגענע היים, אַ לאַנד און קען מיט זיינע קינדער זיין צוזאַמען און ערקלעהרט די וועלט „נייטראַל" ווי האָלאנד, שווייץ, דענעמאַרק, שווידען, נאָרוועגען, א. ז. וו... קליינע לענדער, פון 4—3 מיליאָן זיינען געבליבען „נייטראַל", און מיר, אַ פאָלק פון 15 מיליאָן האָט מען אונז געפיהרט צו דער „שחיטה" אין פוילען, אוקריינא, רומעניען, אונגאַרען... וויא קענען מיר קומען אין שוהל יום טוב און זינגען „הלל" אין דער צייט ווען מען קוילעט אוים א העלפט

אידען פון דער וועלט. השי"ת זאל העלפען אויף דעם נייעם יאהר מיט א גמר חתימה טובה. און — עושה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו ועל כל עמו ישראל, שנת חיים ושלום, שנת גאולה וישועה במהרה בימינו, אמן.

חיים יחיאל אשרי.

לשנה טובה תכתבו

צו אלע מיינע פריינדע אין איירֿאפא און אמעריקא, וועלכע האבען מיר געהאלפען דורך קויפען און פערשפרייטען מיינע ספרים, און די יעניגע וועלכע האבען מיר געהאלפען דרוקען דעם ספר „מגיד משנה" ב"ח.

הגביר הנדיב ר' בנימין כהן וזוגתו האשה הצנועה מרת עטע כהן, (ניו־ראשעל, נויארק).

הגביר הנדיב, מר. וויליאם ליוואי באלטימאר.

הגביר הנדיב מר. פנחס לעווין, " "

הגביר הנדיב מר סיימאן לעוין, " "

הגביר הנדיב מר. מ. שטיין ענד סאהן, " "

הגביר המופלג וי"א מר. נייטען אדלער " "

הרב הצדיק מיקירי ירושלים, ר' הירש (הערשעל) ואחים מאנישעוויטץ. סינסינעטי) אהייא.

ראבי דר. מאקאראק, פאסטמוטה, ווירדזשינא.

ראבי דר. ל. פאליטץ, סאוואנא, גא.

רעוו. שו"ב, ר' שמואל ספעקטער, שארלאט, נ. ק.

און אלע אין כלל ישראל, כתבנו בספר החיים.

ממני המחבר,

חיים יחיאל אשרי.

לזכר עולם יהי' צדיק



הרב הצדיק ר' יקותיאל זלמן קריגער ז"ל

נפטר בש"ק ט"ו, מרחשוון, תר"ף לפ"ק.

השו"ב החסיד ר' אברהם ארלער ז"ל

נקטף בימי עלומיו בן נ"ב שנה, לימי חייו.
נפטר כ"ז שבט, תר"ף לפ"ק.

ר' יצחק אייזיק סופר ז"ל

זקן שהגיע לגבורות, מגזע הש"ק ז"ל
נפטר כ"ו שבט, תר"ף, לפ"ק.

ר' דוד בר' משה קאפלאן, ז"ל

איש אמונים ושומר שבת, נפטר בשנת נ"ב שנה לימי חייו.
ת נ צ ב " ה.
נפטר כ"ג טבת, תר"ף לפ"ק.

MAGID MISHNAH

SERMONS and ADDRESSES

BY

RABBI H. OSHRY

Part Two.

Rabbi H. Oshry, 2349 Druid Hill Avenue
Baltimore, Maryland









